STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03207

ADAMIZM

Herschel Weinrauch

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אדאמיזם

דער מיטל־פונקט פון פילאָזאָפיע, אידעאָלאָגיע, פאָליטיק און רעליגיע פאַר היינט און מאָרגן

פון

הערשל ווײַנרויך

1944 מאָסקווע—תל־אביב—ניו יאָרק 1954

אינהאַלט:

אַריינפיר צום אַדאַמיזם .... זייט 5

ערשטער טייל

אַ ד אַ מ י ז ם

1. גאָט, מענטש, געזעלשאַפט .... זייט 14
2. פאָרם און אינהאַלט .... " 18
3. גוטס און שלעכטס .... " 21
4. קלאַסן־קאַמף און עקזיסטענץ־קאַמף .... " 23
5. פאָלק, ראַסע און נאַציע .... " 25
6. רעליגיע און פריידענקערשאַפט .... " 30
7. פאַרטייען און פּאָליטיק .... " 32
8. מענטש און לעבן .... " 34
9. וועלט און רעגירונג .... " 37
10. משפחה און לעבן .... " 39
11. קולטור און טעכניק .... " 41
12. שפּראַך .... " 42
13. רעלאַטיוו און אַבסאָלוט .... " 44
14. אַדאַמיזם .... " 46

צווייטער טייל

די פאָלקסטימלעכע פילאָזאָפיע פון דעם אַדאַמיסטישן פּראָבלעם

15. דער מענטש און דער אוניווערזום .... זייט 47
16. דער מענטש און דער דיקטאַטאָר .... " 50
17. חרטה און רחמנות .... " 51
18. אייניקייט צווישן מענטשן .... " 52
19. היינט און מאָרגן .... " 60
20. די פילאָזאָפיע פון דעם אַדאַמיזם .... " 61
21. נאָכוואָרט .... " 64



אַריינפיר צום אדאמיזם

(אדם׳יזם)

איך האָב אַמאָל געלערנט און איך האָב זיך דערוואוסט, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן לויט זיין אייגענעם געשטאַלט. דאָס איז געווען אין מיינע פריע קינדער־יאָרן. דערנאָך, ווען איך בין עלטער געוואָרן און איך האָב שוין אַ לעבן דורכגעמאַכט, האָב איך מיט אַ גרויסן שריפטשטעלער זיך באַקענט און ער האָט געזאָגט: „דאָס וואָרט מ ע נ ט ש קלינגט שטאָלץ".

מיין שטיף־טאַטע, פלעגט אויך שטענדיק זאָגן: „ אַ מענטש, נאָר אַ מענטש דאַרף מען זיין ! " . . .

פון קינדוויז אָן האָב איך זיך באַטראַכט אַלס מענטש, אָבער אָנגעזאָגט האָט מען מיר, אַז איך בין אַ ייד.

נו, בין איך אַ מענטש, אַ ייד !

בין איך אוועק צו אַנדערע מענטשן, צו יידן און קריסטן, צו מוסעלמענער און בודהאיסטען און איך האָב דערזען, אַז כאָטש אַלע זיינען דוכט זיך אַנדערש איז מען פאָרט אַלץ איינס און מען גלויבט אין איין גאָט.

דערנאָך האָב איך ווידער געוואַנדערט, איך האָב געלייענט פיל ביכער און איך האָב גערעדט מיט פיל מענטשן, און פון דעם אַלעמען האָט זיך באַקומען באַ מיר, אַז:

ערשטנס, בין איך אַ מענטש פון דער גאַרער וועלט.

צווייטנס, גאָט האָט די גאַנצע וועלט באַשאַפן פאַר מיר, פאַר דעם מענטש.

און דריטנס, איז ג אָ ט פאַראַן אין אַלע פאָרמען, אויף אַלע געביטן און אין אַלע הינזיכטן, גאָט איז די ג ו ט ס ק י י ט, וואָס אַ מענטש טוט.

אָבער ניט שטענדיק איז דאָך דער מענטש אין אַ צושטאַנד צו טאָן גוטס...

און איך האָב פעסט באַ זיך אָפּגעמאַכט: עס איז ניט קיין מוז צו טאָן גוטס, עס איז אָבער אַ מוז ניט צו טאָן קיין שלעכטס. ווען איין מענטש טוט ניט דעם צווייטן קיין שלעכטס טוט ער שוין מיט דעם אַליין גוטס.

עס האָט אַמאָל פּאַסירט, ווען איך בין געפאָרן אויף אַן איינזאַמער שיף אין מיטן ים, וואו הימל און וואַסער איז נאָר געווען. און אויף דער דעק פון דער שיף זיינען מיר נאָר זאַלבעט פיר געזעסן, און דאַן האָט איינער געזאָגט צום צווייטן:

— איך בין אַ רוס!

האָט אים דער צווייטער אָפּגעענפערט:

— איך בין אַן אַמעריקאַנער.

דער דריטער האָט געזאָגט פאַרביטערט:

— איך בין אַ שטאַטלאָזער...

און איך האָב געזאָגט:

— איך בין אַ וועלט-בירגער, די גאַנצע וועלט איז מיינע!...

האָט דער רוס געזאָגט: — מיר וועלן קעמפן!

האָט דער אַמעריקאַנער געפרעגט: — צוליב וואָס?

דער שטאַטלאָזער האָט געשריגן: — מענטשן זיינען אָן אַ היים!

און איך האָב זיי געזאָגט: — לאָמיר מיט גוטן, אַלע צוזאַמען, פאַר אַלעמען גוטס טאָן.

— די קאַפּיטאַליסטן! — האָט דער רוס ווילד אָנגעהויבן שרייען.

— דעמאָקראַטיע! האָט דער אַמעריקאַנער זיך אויך אַביסל צעהיצט.

— עס איז שלעכט! — האָט דער שטאַטלאָזער געזיפצט.

— זייט מענטשן! האָב איך זיי געזאָגט — זייט אמתדיקע מענטשן, גוטע מענטשן. ווען עס איז דאָ אַ גוטער ווילן, אַ פאַרשטאַנד און אַ נשמה, קען מען דאָך אַלץ אויף אַ פרידלעכן אופן דערגרייכן, און דאַן וועט זיין פאַר אַלעמען גוט.

דער רוס האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר אין כעס און זיך צעשריגן:

— קאָנטרא!... ווי וואַגסטו אַזוי צו ריידן? אימפּעריאַליסטישער אַגענט!

דער אַמעריקאַנער האָט מיך באַרואיקט און מיר געקלאַפּט אין פּלייצע פריינטלעך:

— רעד, רעד וואָס דו ווילסט. אונדז אַרט ניט.

דער שטאָטלאָזער האָט מיר געדריקט די האַנט:

— איך פאַרשטיי אייך גוט. איך בין אַ מענטש אָן אַ היים . . .

און ווען די שיף איז געקומען צו איינעם אַ האַפן זיינען אַלע פון איר אַראָפּ, און נאָר איך איינער אַליין בין אויף איר געבליבן. בין איך געפאָרן ווייטער זוכן, זוכן די מענטשן וואָס וואָלטן געוואָלט דורך אַ פרידלעכער אידיי ענדערן די וועלט אַזוי, אַז כאָטש עס זאָלן זיין רייכע און אָרימע זאָל דאָך זיין זאַטקייט און פרידן אויף דער וועלט.

און ווען איך בין סוף כל סוף געקומען צו אַ ברעג און איך האָב די גע־אַנקערטע שיף פאַרלאָזט, האָב איך ווידער אַ קלער געטאָן וועגן די מענטשן צו וועלכע איך וויל גיין און וועמען איך וויל מיין אַ ד אַ מ י ז ם פריידיקן.. און גראָד דאַן האָב איך ליינענדיק אַ צייטונג זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ליד, פון אַ פאָלקס־דיכטער און טייערן מענטשן, דער דיכטער האָט אין דער ליד, מיט האַרציקע ווערטער, אַזוי געזאָגט:

„ווען די וועלט וואָלט ליידן,\
מיר אַליין זאָל גוט זיין בלויז —\
וואָלט איך דאַן די וועלט די גאַנצע\
איינגעלאַדן אין מיין הויז.

איך וואָלט טרייסטן זי און צערטלען,\
און געזאָגט: ניט זאָרג זיך, וועלט!\
ביז זי וואָלט צו זיך געקומען\
און זיך אויף די פיס געשטעלט.

ווען די וועלט געווען וואָלט גליקלעך,\
איך אַליין בלויז פול מיט לייד —\
וואָלט איך דאַן צו איר געקומען\
און געפאָדערט: גיב מיר פרייד!

אָבער אַז מיר ביידע ליידן,\
אי די וועלט, אי איך אַליין, —\
האָט די וועלט ניט וואו צו קומען\
און איך האָב ניט וואו צו גיין.“

איז פיינלעך געוואָרן מיין געמיט: ד י ג אַ נ צ ע וו ע ל ט ל יי ד ט!...
און איך האָב אין פאַרצווייפלונג באַ זיך אַליין געפרעגט: „האָב איך טאַקע ניט צו וועמען און וואו צו גיין?". איך האָב פיל געטראַכט צו איך זאָל זיך איינשטעלן און צו איך זאָל אָנפאַנגען מיין אונטערנעמונג. און מיר האָט זיך דערמאָנט אַ דורכגעלייענטער פרק פון אַ ספר, וואו עס ווערט געזאָגט וועגן מענטש און וועלט פאָלגנדעס:

... „ווען אַ מענטש שטעמפּלט מטבעות מיט איין שטעמפּל, זיינען אַלע ענלעך איינע אויף דער צווייטער. גאָט אָבער שטעמפּלט יעדן מענטשן אין דעם געשטאַלט פון אדם הראשון און איין מענטש איז ניט ענלעך אויפן צווייטן. און דעריבער איז יעדער איינער מחויב צו זאָגן, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פאַר אים" ...

איז אָט, מיט דעם כוח און געדאַנק פון די הייליקע ווערטער לאָז איך זיך גיין צו אַלע מענטשן מיט אַ רוף:

„מענטש, די וועלט איז באַשאַפן פאַר דיר. דיין חוב איז אויפהאַלטן די וועלט אין שיינקייט, ריינקייט, אין פרידן, פרייהייט און אין זאַטקייט!".

* * *

פילאָזאָפיע: אָ, וויפיל מענטשן פון אַלע דורות און צייטן האָבן דאָס שטודירט. און אויך היינט פאַרנעמען זיך מיט דעם פיל מענטשן און די בעסערע יוגנטלעכע, אינטעליגנטע רייכע און אָרימע יינגלעך און מיידלעך. קען דען זיין עפּעס שענער און נוצלעכער ווי פילאָזאָפיע פאַר דער אויסבילדונג פון דעם כאַראַקטער און דעם גייסט פון אַ מענטשן?

און דאָך...

עפּעס איז פאַראַן נעגאַטיווס אין דער היינטצייטיקייט פון אַלע פילאָזאָפישע, אידעאָלאָגישע, פּאָליטישע און רעליגיעזע דערקענטענישן. דאָס נעגאַטיווע באַשטייט אין דעם, וואָס דער מענטש מיינט, אַז ער ווייסט וואָס עס איז דער גלויבן און דאָס פרייִדיקן פון די פילאָזאָפישע, רעליגיעזע, פּאָליטישע און וויסנשאַפטלעכע אויטאָריטעטן, אָבער צי זייערע „שיינע" פילאָזאָפיעס, גלויבנס און פרייִדיקונגען זיינען ניט באַפאַרבט מיט קיין דעמאַגאָגישער פוסטקייט און זיינען ניט פאַרקריפּלט מיט קיין אוואַנטוריסטישע טריקס און צו זיי זיינען

גוט פאַרן געוויסן און פאַרן וואוילזיין פון דער מענטשהייט, וועגן דעם טראַכט מען אָפּט ניט.

דער שיינער וואָרט־קלאַנג, די רייכע פאַנטאַזיע, דער אידעאָלאָגישער שוואונג פאַרהיפּנאָטיזירט אָפּט דעם מענטשן. אויך דער אויטאָריטעט, דער גרויסער נאָמען פון אַ שעפער פון אַ געוויסער פילאָזאָפיע און אידעאָלאָגיע צע־טומלט דעם מענטשן אַזוי אַז ער טראַכט זיך ניט טיף אריין אין דעם זין און אינהאַלט און ער גייט נאָך בלינד.

עס איז דאָך כאַראַקטעריסטיש פאַר די געניטע פריידיקער און דעמאַגאָגן זייער מעטאָד צו פאַרופן זיך אין זייערע רעדעס און אין זייערע שריפטן אויף די אויטאָריטעטן פון גרויסע פילאָזאָפן, דענקער, נביאים און רעוואָלוציאָנערן: „דער — און — דער האָט געזאָגט . . .” — יענער — און — יענער האָט געשריבן...” — די—און—די וויסנשאַפט לערנט אונדז...” — און אַזוי ווייטער.

נו, און צו זייערע גלויבנס, לערעס און זאָגעכצן זיינען גילטיק פאַר יעדן איינעם פון אונדז און צו טויג דאָס פאַר היינט און פאַר מאָרגן, וועגן דעם מוז מען נאָך גוט־גוט אַ טראַכט טאָן.

איך פרעג ניט אָפּ קיין שום אויטאָריטעטן פון גרויסע דענקער, נביאים רעוואָ־לוציאָנערן און פילאָזאָפן. מיט גרויס רעספּעקט דאַרף מען לייענען זייערע ווערק און מען דאַרף זיך צוהערן צו זייערע ווערטער. אָבער מען טאָר ניט אינגאַנצן זיך פאַרלאָזן נאָר אויף זיי. ווי קליין און ניט געבילדעט איך בין אין פאַרגלייך מיט יענע קאָריפייען, „נביאים” פילאָזאָפן און האַלב־געטער, בין איך דאָך אַ מענטש מיט שכל, מיט געפילן און מיט אַ נשמה און איך ווייס, אַז גרויסע מענטשן זאָגן אָפּט נאַרישקייטן און קליינע מענטשן זיינען אָפּט פּראַקטיש און קלוג. נאָך מער: גרויסע מענטשן זיינען אָפּט שלעכטע און עגאָאיסטן. פּשוטע פאָלקס־מענטשן זיינען מערסטנס גוטע און פילבאַרע.

פילאָזאָפיע: קלינגען, קלינגט עס גרויס! . . .

אָבער אויב מען וועט פאַר דער עקזיסטענץ פון דער מענטשהייט ניט אָנ־ווענדן עפּעס פון די אַלע פילאָזאָפיעס, וואָס זאָלן גילטיק זיין פאַרן מענטשן און באַשיינען דעם מענטשנס לעבן אויף היינט און אויף מאָרגן, דאַן בלייבן טאַקע אַלע פילאָזאָפיעס נאָר פּוסטע קלאַנגען.

מען דאַרף זוכן, זוכן און זוכן און געפינען דעם מיטל־פּונקט פון אַלע פילאָ־

זאָפּיעס, אידעאָלאָגיעס פּאָליטיקעס און רעליגיעס. ניט איך, איז עמיצער אַנדערש, אַ דריטער, אַ צענטער און מען וועט געפונען.

* * *

איך האָב געלייענט ביכער אויף די געביטן פון פילאָזאָפיע, געשיכטע, סאָציאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, פּאָליט־עקאָנאָמיע, פּעדאַגאָגיק. איך האָב אויך געלייענט הייליקע רעליגיעזע יידישע, קריסטלעכע, מוסולמענישע און בודואיס־טישע ספרים. איך ווייס וועגן פיל מענטשן, גרויסע פּערזענלעכקייטן, דענקער און רעוואָלוציאָנערן, וויסנשאַפטלער און גייסטלעכע, פילאָזאָפן־דיאַלעקטיקער און פילאָזאָפן־מעטאַפיזיקער, רעפאָרמאַטאָרס־אידעאַליסטן און רעפאָרמאַטאָרס־מאַטעריאַליסטן, טרוימער־אוטאָפּיסטן און טרוימער־רעאַליסטן און שריפטשטע־לער, דיכטער, מוזיקער, מאַלער און טיטולירטע דאָקטוירים און פּאַטענטירטע וואָרט־זאָגער און קריטיקער אָן אַ שיעור־פּאַרציטיקע און היינטצייטיקע.

און דאָך, ווייל איך אין דער אַרבעט מיינער, אין דעם אַדאַמיזם, זיך נ י ט פאַרופן אויף קיין שום ווערק און אויף קיין שום תורות, און ניט דערמאָנען קיין שום מענטשן־אויטאָריטעט, כדי דורך דעם און אַזוי־אַרום עמיצן אָנבינדן מיין אידייע, מיין קוק און מיין שוואונג.

פאַרשטייט זיך, אַז דער לייענער וועט דאָ און דאָרט זיך אָליין אָנשטויסן, אַז עפּעס איז ביי מיר דאָ פון די אַלטע און נייע קוועלן און פון די הייליקע און אייביקע קולטורעלע, געשיכטלעכע און רעליגיעזע אוצרות.

צוליב וואָס־זשע דאַרף איך חוץ דעם נייעם געדאַנק אויך איבערחזרן אַלטע אמתן ?

דאָס איז צום דערמאָנען !

פונקט ווי טראָפּנס וואַסער, וואָס קאָפּען אָן אויפהער אויף אַ שטיין שפּאַלטן אים, אַזוי טו איך אויך.

און וואָס איז דאָס נייע אין מיין אַדאַמיזם ? דאָס נייע איז דאָס וואָס יעדער איינער פּשוטער מענטש טראַכט יעדן טאָג. איך האָב דאָס געזאַמלט ביי די מענטשן און ברענג עס צו די מענטשן. פאַרשונג באַשטייט ניט נאָר אין ברענגען נייעס, נאָר אויך אין דערקלערן דאָס וואָס מיר האָבן, ווי־אַזוי עס איז און ווי־אַזוי עס וואָלט געקענט און באַדאַרפט זיין. איך גלויב עס וועלן קומען מענטשן

מיט מער לעבנס־דערפאַרונג און מיט מער וויסנשאַפט, ווי איך פאַרמאָג, און זיי וועלן מיין אַדאַמיזם דערהויבן.

אין מיין שפּראַך און אין מיינע ווערטער באַמי איך זיך צו זיין באַשיידן. איך מייד אויס די קאָמפּליצירטע און פאַרדרייטע פּראָזן. איך באַנוץ ניט קיין הויכע, שרייענדיקע, געגלעקלטע, קוטשעראַווע, שיינע, „וויסנשאַפטלעכע" טער־מינען און דעמאַגאָגישע לאָזונגען. איך קום צום מענטש מיט פּראָסט־פּשוטע רייד פון אַ בן־אדם, אַ פּאָלקס־מענטש, און איך טיינע זיך אויס, ווי אַ מענטש מיט אַ מענטש.

* * *

קען זיין, אַז עמיצער וועט איבערלייענדיק דעם פּאַמפּלעט, וועגן מיר אַ טראַכט טאָן :

— אַ קרענק !

— אַ טשודאַק !

— אַ סאָקער !

— אַ יאָלד ! . . .

און קען זיין, אַז מען וועט גוט־מוטיק אונטערשמייכלען. עמיצער וועט אָבער מיט שום אויף די ליפּן זשיפּען און מיך שילטן. נאָר אייניקע וועלן באַלד אויפנעמען מיינע רייד, זיי וועלן מיר דאַנקבאַר זיין, מיך ליבן און אפילו בענטשן.

אָבער אַזוי צי אַנדערש, אַ קערנדל פון גוטס וועלן מיינע רייד אין יעדער מענטש, וואָס וועט דאָס ביכל לייענען, איינפּלאַנצן. און איך האָף און גלויב, אַז ניט איינער וועל איך מיט מיין אַדאַמיזם זיין. — טויזנטער וועלן זיך באַ־העפטן צו דער אידיי. יעדנפאַלס דערקלער איך ניט קיין קאַמף, ניט די „לינקע" און ניט די „רעכטע" פּאַרטייען און באַוועגונגען, ניט די „ליבעראַלן" און ניט די „קאָנסערוואַטאָרן" און אַוודאי ניט דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און בשום אופן ניט די פּילצאָליקע קריסטלעכע, יידישע מוסולמענישע און אַנדערע רע־ליגיעס. איך דערקלער נאָר מיין אידייע, און דאָס איז די רעכט פון יעדער פרייען מענטשן.

* * *

מען וועט פּילייכט אויך זאָגן: עס עקזיסטירן שוין פאַרשידענע גרופּעס און איינצלנע מענטשן, וואָס פּריידיקן — „וועלט־בירגערשאַפט", „הומאַניזם", „פּאַציפיזם", „עטיק", און אַזוי ווייטער.

ווייל איך דאָ זאָגן, אַז ערשטנס ווייזט דאָס, ווי מענטשן זיינען אין אַ צו־שטאַנד פון זוכן אַ לייזונג און אַ רעטונג פאַר דער מענטשהייט. צווייטנס ווייזט דאָס, אַז אַלע גרופּעס, ווי אויך איינצלנע מענטשן, וועלן זיך סוף כל סוף פאַראייניקן, מען וועט אָפּוואַרפן די אוטאָפּיע און פאַנטאַזיעס וואָס שוועבן אַרום די אידייען און מען וועט געפונען אַ געזונטע און קאָנקרעטע באַזע פאַר אַרבעט פאַרן וואויל פון דער מענטשהייט. דריטנס, דערקלער איך, אַז מיין אַדאַמיזם איז קענען אַלע אומפאַראַנטוואָרטלעכע אוטאָפּיעס פון די אַלע „וועלט־בירגער", וועלכע זאָגן זיך אָפּ פון זייער לאַנד, פון זייער בירגערשאַפט און פון זייער פאָלק. איך זאָג:

זייענדיק אַ בירגער פון מיין לאַנד, ליב־האָבנדיק מיין לאַנד און מיין פאָלק, וויל איך איינציייטיק אויך זיין אַ וועלט־בירגער, ליב־האָבן אַלע לענדער און אַלע פעלקער. אַן אַמעריקאַנער בירגער, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין איינעם פון די 48 שטאַטן און לעבט דאָרטן, וועט דאָך קיינמאָל ניט זאָגן: „איך האָב ליב מיין שטאַט, און די איבעריקע 47 שטאַטן גייען מיר ניט אָן". אַזוי וועט דאָס אויך דאַרפן זיין מיטן וועלט־בירגער פון דער צוקונפטיקער וועלט־רעגירונג, וועלכע וועט אייגנטלעך דאַרפן זיין אַ פאַרייניקונג פון אַלע לענדער און אַלע רעגירונגען אונטער איין צענטראַלער רעגירונג.

און וואָס אַנבאַלאַנגט די פּריידיקער פון „וועלט־פעדעראַליזם", „הומאַ־ניזם", „פּאַציפיזם", „עטיק" און „פרידנס־קאָנפערענצן", איז אויב זיי גייען אין זייערע „טעאָריעס" אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט פון וואַרפן אין דער וועלט אַריין שיינע פראַזן און דערביי פאַרזען זיי דעם לעבעדיקן מאַסן־מענטש און זיי פאַרשטייען ניט, אַז עס מוז קומען צו אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרבעסערונג פון דעם מענטשנס לעבן־שטייגער, און אַז די פאַרבעסערונג איז אומעגלעך אָן אַ סאָציאַלער גערעכטיקייט אין דער מענשלעכער געזעלשאַפט — דאַן זיינען אַלע זייערע שיינע פראַזן וועגן ליבע און פרידן און וועגן וועלט־פעדעראַציע נאָר און

ניט מער ווי ווערטער אויפֿן ווינט . . .

עס קען ניט זיין קיין שלום אויף דער וועלט, כל זמן עס זיינען פֿאַראַן באַזונדערע רעגירונגען און סאָציאַל־עקאָנאָמיש אָפּגעטיילטע, אָפּגעריסענע און אנטאַגאָניסטיש־געשטימטע לענדער. נאָר ביי אַ פֿאַריייניקונג פֿון אַלע לענדער מיט זייערע רעגירונגען אין איין וועלט־רעגירונג, וועלן מלחמות אינגאַנצן ליקווידירט ווערן. און כדי דאָס צו דערגרייכן מוז קומען אַן ענדערונג אין די באַציאונגען פֿון מענטש צו מענטש. דער מענטש וועט מוזן קומען צו דעם גייסטיקן צושטאַנד און דערהויבנקייט, וואָס וועט אים מאַכן פֿילן, אַז אַלע־אַלע מענטשן זיינען צווישן זיך ברידער און שוועסטער און אַלע־אַלע האָבן גלייכע רעכט אויף דער גאַנצער וועלט און אין אַלע לענדער צו לעבן פֿריי צו עקזיסטירען און געניסן פֿון לעבן.

* * *

איך האָב געהאַלטן פֿאַר זייער וויכטיק און נויטיק צו מאַכן דעם אַריינפֿיר. עס איז מעגלעך, אַז דער „אַדאַמיזם" זאָל דינען אַלס אַ באַזע צום שאַפֿן די אידעאָלאָגיע פֿאַר אַ פֿאַריייניקונג פֿון אַלע גרופּן און איינצלנע מענטשן, וואָס זוכן דאָס בעסערע אין לעבן. און ערשט איצט, נאָך מיין אַריינפֿיר, פֿיל איך, אַז דער לייענער וועט מיט מער אינטערעס לייענען מיין אַ ד אַ מ י ז ם.

איידער איך האָב די אַרבעט מיינע באַשטימט צו פֿאַרעפֿנטלעכן אין אַ געדרוקטער פֿאָרמע, אַלס אַ בוך, האָבן אייניקע אויטאָריטעטע פּערזאָנען, וויסנשאַפֿטלער און פּאָליטיקער — מיין אַדאַמיזם (אין ענגלישער איבערזעצונג) געלייענט. אייניקע פֿון זיי האָבן אַפֿילו זיך אָנגעבאָטן צו שרייבן אַ פֿאָרוואָרט. איך האָב אָבער באַשטימט ניט צו דערמאָנען זייערע נעמען און ניט צו דרוקן קיין פֿאָרוואָרט און אַזוי אַרום ניט אַרויפֿצווינגען אויפֿן לייענער קיין מיינונג פֿון אנערקענטע פּערזענלעכקייטן.

איך לאָז איבער דעם לייענער אַליין זיך אַריינטראַכטן, אורטיילן און מאַכן אויספֿירן . . .

ערשטער טייל

אדאמיזם

„דער אידעאַל פון אַלע אידעאַלן
איז דער מענטש"

„דער בעסטער אידעאַל איז
דער גוטער ביישפּיל".

1

גאָט — מענטש, געזעלשאַפט

. . . און גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג און אויפן זיבעטן האָט ער גערוט. און גאָט האָט געזען, אַז די וועלט און אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן איז גוט און שיין. דער מענטש, דאָס איז געווען זיין לעצטע און קלוגסטע שאַפונג. נאָך דעם באַשאַפן פון מענטש האָט גאָט גערוט. עס איז געווען דער זיבעטער טאָג, שבת.

דער מין מ ע נ ט ש איז געוואָרן דער האַר איבער אַלע מינים, וואָס גאָט האָט באַשאַפן. און דאָס וואָרט מענטש האָט אָנגעהויבן צו קלינגען שטאָלץ איבער גאָטס וועלט. דער מענטש האָט זיך אָנגעהויבן אָפּטיילן פון אַלע איבעריקע גאָטס באַשעפענישן מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אַליין שאַפן און דענקן.

פון אַלץ וואָס דער מענטש האָט באַשאַפן איז דאָס וויכטיקסטע: דער גלויבן און דער געפיל, אַז עס איז דאָ אַ גאָט.

און איך אַ קינד וואָס שטאַם פון מענטשן באַהויפּט: ג אָ ט איז די גוטס־קייט אין אַלע פאָרמען, אויף אַלע געביטן און אין אַלע הינזיכטן.

גאָט איז צופרידן פון זיין שאַפן און דער מענטש דאַרף זיין צופרידן פון זיין שאַפן. אָבער עס מערקט זיך נאָך קיין צופרידנקייט ביי די מענטשן, מען הערט ניט, אַז דער מענטש זאָל זאָגן „ג ו ט!" און מען פילט ניט דעם פולן תענוג פון דעם שבת־רו ביי די מענטשן. פאַרוואָס איז ניטאָ קיין רו? פאַרוואָס זאָגט ניט דער מענטש „גוט"? — דאָס איז דערפאַר ווייל גאָטס וועלט, די שיינע און גרויסע וועלט איז דאַך אַ דאַנק די געקרוינטע, געזאַלבטע און זעלבסט־געקרוינטע, זעלבסט־געזאַלבטע הערשער און וועלט־פירער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכאַניזם, ביי וועלכן דער מענטש איז נאָר אַ שרייפל און מוז אויספילן אויסשליסלעך נאָר די פונקציע, וואָס די „הערשער, דיקטאַטאָרן און פירער" טיילן אים צו. יאָ, די וועלט איז ווי אַ זייגער און דער פאָלקס־מענטש איז זיין אומרו.

פון קינדערווייז אָן קוק איך זיך צו צו דער וועלט מיט אירע מענטשן, גרויסע און קליינע, ווייסע און קאָלירטע און איך זע: די וועלט איז גרויס און איז געבענטשט פון גאָט מיט שיינקייט און מיט רייכקייט, און פאַר יעדער מענטש איז דאָ פּלאַץ און ברויט אויף דער וועלט. און דאָך זע איך, ווי מען קריגט זיך, מען פאַרצוימט זיך און מען שאַפט גרענעצן, מען זאַמלט פאַרמעגנס און מען הונגערט... מען שטאַרבט ווען מען קען לעבן און מען לעבט ווען עס טויג גאָר ניט אַזאַ לעבן. עס קען געשאַפן ווערן גוטס און מען שאַפט שלעכטס, עס קען זיין פריינדשאַפט און מען שאַפט פיינטשאַפט. און איין מענטש צום צווייטן איז גאָר ערגער ווי אַ חיה צו אַ חיה...

עס זיינען פאַראַן הונדערטער רעליגיעס, ווען עס וואָלט געקענט זיין נאָר איינע, ווייל גאָט איז איינער, דאָס ווייסן שוין אַלע, און עס איז גאָר ניט אַזוי וויכטיק פאַרן מענטשן די רעליגיעזע קריגערייען פון די פאַרשידן־פאַרביקע גייסטלעכע פירער. קיין שום ריטואַל און קיין שום גאָטעס־דינסט האָט ניט קיין ווערט, אויב עס ווערט געטאָן אָן נשמה, אָן ליבע און אָן גוטסקייט צו מענטשן.

עס זיינען פאַראַן הונדערטער פּאַרטייען, און דער מענטש ווערט צעריבן אין דעם קאַמף צווישן די פּאַרטייען. דער מענטש ווערט גאָרניט. אַלץ איז די „אידייע", כאָטש הייסן, הייסט עס, אַז מען שלאָגט זיך פאַרן מענטש.

עס זיינען פאַראַן הונדערטער לענדער, צעטיילטע, אַרומגעצוימטע, מיט גרענעצן און מיט וואַכן, איין לאַנד צום אַנדערן איז פיינטלעך, איין לאַנד וויל איינשלינגען אַ צווייט לאַנד, אין יעדער לאַנד איז אַן אַנדער אָרדנונג, און אין יעדער לאַנד איז דער מענטש אונטערדריקט אויף אַ אַנדערן אופן. אַלע לענדער וואָלטן דאָך געקענט זיין פאַראייניקט אין איין וועלט־לאַנד און דער מענטש וואָלט געקענט באַפרייט ווערן פון שטענדיקער מלחמה־שרעק.

עס זיינען פאַראַן הונדערטער שפּראַכן, כאָטש מען וואָלט געקענט באַשטימען פון זיי איין שפּראַך פאַר אַלע מענטשן, אַלס אַן אָפיציעלע וועלט־שפּראַך, און דאָס וואָלט גאָר דערהויבן יעדער נאַציאָנאַלער שפּראַך באַזונדער. פאַר אַ וועלט־מענטש איז נויטיק אַ וועלט־שפּראַך . . .

אַנשטאָט פאַראייניקונג און גוטסקייט פון מענטש צו מענטש הערשט גאָר צעשפּליטערטקייט און שלעכטקייט פון מענטש צו מענטש.

און איך פרעג: וועמען פעלט דאָס? ווער דאַרף דאָס?

קורץ איז דאָך דעם מענטשנס לעבן! דעם מענטשנס מיסיע איז דאָך אָפּצו־לעבן אין כבוד און אין יושר, אין אַרבעט און אין רו, אין פרייד און אין זאַטקייט און אין מעשים טובים . . .

איך האָב נאָך ניט געזען קיין מענטש, וואָס זאָל עסן מיט צוויי לעפל, קיין גביר, וואָס זאָל שלינגען גאָלדענע רענדלעך און קיין הערשער, וואָס זאָל לעבן אייביק. דער מענטש קומט פון דער ערד און גייט צוריק צו דער ערד. איז אין וואָס גייט דאָ? — עס גייט אין ברויט מיט פוטער!... עס גייט אין דעם, אַז דער מענטש וויל זיין זאַט, ער וויל האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, ער וויל אַ קלייד אויף זיין לייב, ער וויל אַ צייטונג, אַ ביכל און אַ ביסעלע פאַרווייליגונג.

איך ווייס, אַז דאָס איז פּראָסט־פּשוט גערעדט.

נו, נעמט זשע די ווירקלעכקייט, נעמט די פּראָגראַמען פון די אַלע באַלשעוויס־טישע, סאָציאַליסטישע, ראַדיקאַלע, דעמאָקראַטישע און בכלל „פּראָגרעסיווע" פּאַר־טייען, וועט איר זען, אַז זייער גאַנצער קאַמף באַשטייט אין דעם און טאַקע נאָר דאָס צו דערגרייכן.

קען מען דאָס דערגרייכן? — מען קען! . . .

און אַז מען וועט דאָס דערגרייכן וועט זיין „רעוואָלוציאָנערער" קאַמף? — ניין! . . .

און דאָס איז דערפאַר, ווייל קיין זאַטער גייט ניט אונטער אַ פאָן פון הונגע־

ריקע. גוט־באצאָלטע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע מאַכן ניט קיין רעוואָלוציעס. און סאָלאָנע קאָמוניסטן (אויב נאָר קאָמוניזם איז ניט געוואָרן זייער פּראָפעסיע), וואָס שטויסן זיך אָן מיט דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט, ווערן גיך אויסגעניכטערט און פאַרלאָזן דעם קאָמוניזם אויף דור־דורות. דערביי מוז איך באַמערקן, אַז קאָמוניזם, ווי יעדער נייע און פּראָגרעסיווע אידייע, האָט פון אָנפאַנג, ביים געבורט געהאַט סמנים פון פּאָזיטיווע און גוטע אונטערנעמונגען לטובת דער מענטשהייט. אָבער דאָס ווילן מיט געוואַלד און צוואַנג איינפירן זייער אידייע און זייער אונטערנעמונג קעגן דעם ווילן פון דער מענטשהייט, האָט זי פאַרוואַנדלט אין פאַרהאַרטעוועטע, פאַרביטערטע און היפּאָקריטישע מענטשן.

עס פרעגט זיך: האָט דען ניט די דעמאָקראַטישע וועלט קיין מיטלען איינמאָל פאַר אַלעמאָל איינפירן אָרדענונג, רו, פרייד, פרידן און זאַטקייט אויף דער וועלט?

— יאָ, זי האָט!

וואָס דאַרף מען אָנווענדן, כדי דאָס צו דורכפירן, מאַכט, קראַפט, צוואַנג?

— ניין!

מען דאַרף נאָר אָנהויבן טאָן דאָס וואָס עס ווילן און שטרעבן צו טאָן (און קענען דאָס ניט טאָן און ווילן דאָס ניט טאָן) די קאָמוניסטן, און אַנדערע מינים „רעוואָלוציאָנערן” און „קעמפּער” פאַר מענטשנס רעכט און פרייהייט. קלאָרער גערעדט: די דעמאָקראַטישע וועלט דאַרף שאַפן אַ זאַט לעבן און אַ צופרידן לעבן ביים אַרבעטנדיקן מענטשן און ביים מענטשן פון מיטל־קלאַס.

קען מען דאָס דורכפירן אין לעבן? — יאָ!

ניט נאָר טעאָרעטיש, נאָר אויך פּראַקטיש איז דאָס דורכפירבאַר.

עס איז דאָ גענוג רייכטימער, גאָלד און געלט־מיטלען, אוצרות ברויט און פוטער, און שאָקאָלאַד און קליידער און ערד און אַרבעט, אַז דער מענטש זאָל אַפילו ביי אַ 4 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג זיך קענען אויסלעבן זאַט און צופרידן. איך שטרייך אונטער: ז א ט און צ ו פ ר י ד ן, ווייל נאָר דאָס שאַפט דעם יסוד פון פרידן אויף דער וועלט.

די פראַגע איז איינפאַך און פשוט. די פּראָבלעם איז אַ לעזבאַרע. צום באַדויערן ווערט אָבער יעדער איינפאַכע און פשוטע זאַך זייער און זייער קאָמפּליצירט, פאַרדרייט און ניט לעזבאַר.

און איך זאָג: גאָטס וועלט איז רייך און שיין. דער מענטש איז גוט. מען האָט אָבער פאַרמיעוסט די וועלט און מען האָט שלעכט געמאַכט דעם מענטשן.

פון קינדווייז אָן פאָר איך אום איבער דער גאָרער וועלט. איך בין שוין געווען אין פיל לענדער, אין פיל שטעט, שטעטלעך און דערפער. איך האָב געזען יידן און קריסטן, מוסולמענער און אַפילו געצן־דינער, און אַלע זיינען זיי פאַרביטערט און פאַרסמט פון דעם שווערן לעבן. איין מענטש טוט שלעכטס דעם צווייטן, איינער לעבט אויפן חשבון פון צווייטן און איינער הרגט דעם צווייטן... און דאָך זע איך און געפין דאָס לויכטנדיקע, פאַרבאָרגענע גוטס אין דער טיף פון דער מענטשלעכער נשמה. אין גרונט פון מענטשן איז דאָ גוטסקייט. די גוטסקייט איז ווי אַ יאָדער אין אַ האַרט ניסל. מען דאַרף קענען די האַרטע שאָלעכץ צעקלאַפּן און אַרויסנעמען דעם גוטן יאָדער.

גאָט איז מיט דעם מענטשן. יעדער מענטש שטאַמט פון אדמן, מעג ער זיין אַ קעניג, אַ רייכער מאַן, אַן אָרימער אַרבעטער, צי אַ שקלאַף. אַלע מענטשן האָבן גלייכע רעכט אויף לעבן און אויף געניסן פון דעם לעבן: מעג זיין דער מענטש ווייס, שוואַרץ אָדער רויט. מען דאַרף נאָר שטרעבן צו גוטס און דאָס איז גאָט־הייט, דאָס איז מענטשהייט.

2.

פאָרם און אינהאַלט

אין דער נאַטור, ווי אויך אין מענטשלעכן לעבן איז פאַראַן אַ געוויסער אינהאַלט. אויפן ערשטן אויגנבליק דוכט זיך, אַז דער אינהאַלט האָט אַן אַנטשפּרע־כנדיקע פאָרם. אָבער ווען מען קוקט זיך גוט איין אין דעם לעבן סיי פון דער נאַטור אַזוי אויך אין דעם מענטשלעכן וועזן, וועט מען זען, אַז ניט שטענדיק האָט דער אינהאַלט די אַנטשפּרעכנדיקע פאָרם. נאָר אידעאַליסטן, וואָס שוועבן מיט זייערע פאַנטאַזיעס אין די הימלען און ווילן ניט גיין מיט זייערע פיס אויף דער האַרטער גאָטס ערד, נאָר אַזוינע וואָס פילן ניט קיין באָדן אונטער זייערע פיס און זען אַלץ דורך בלויע ברילן — קענען באַהויפּטן, אַז פאָרם איז שטענדיק פאַרבינדן מיט באַשטימטן אינהאַלט.

איך זאָג, ניין!

ווייל עס קען דאָך זיין אַ שיינע פאָרם מיט אַ מיעוסן אינהאַלט.

צום ביישפּיל:

מיר וועלן נעמען אַ בעכער. געוויינלעך דינט אַ בעכער כּדי מען זאָל פון אים טרינקען וויין ווי אויך הויבן אַ טאָסט. אַם מערסטן איז אַ בעכער רונד. ער קען אָבער אויך זיין אָוואַל און קאָנוס־אַרטיק. ער קען זיין געמאַכט פון גאָלד, אָדער פון זילבער, ער קען זיין גלאַט און ער קען זיין אויסגעגראַווירט מיט פאַרשידענע אָרנאַמענטן בלומען, אוזאָרן און אויפשריפטן. דער בעכער קען אויך זיין געמאַכט פון אַן אַנדער מין מעטאַל און אַפילו פון האָלץ. און וויין קען מען אויך טרינקען פון אַ גלאָז. אַלזאָ, אַ בעכער אָדער אַ כּוס קען זיין געמאַכט פון פאַרשידענע שטאָפן און קען האָבן פאַרשידענע פאָרמען און בלייבט דאָך אַ כּלי צום טרינקען. דער בעכער, אָדער כּוס, איז אַזוי־אַרום אַ ביי־זאַך, אַ פאָרם, ווייל די הויפּט־זאַך איז דאָס, וואָס מען וועט טרינקען פון דעם בעכער, אָדער כּוס, די הויפּט־זאַך, הייסט דאָס, איז דער אינהאַלט. און דער אינהאַלט פון דעם בעכער, אָדער כּוס, איז דאָס וואָס מען האָט אין זיי צום טרינקען. עס קען זיין וויין, גוטער וויין, און שלעכטער וויין. עס קען אָבער אַנשטאָט וויין זיין וואַסער. און אפשר ניט קיין וואַסער נאָר סם ? !

אַלזאָ:

די ביי־זאַך, די פאָרם איז די כּלי צום טרינקען.

די הויפּט־זאַך, דער אינהאַלט איז דאָס וואָס עס איז פאַראַן אין דער כּלי צום טרינקען.

מיר וועלן נעמען אַ בוים. אַ שיינער עפּל־בוים. אום פרילינג האָט ער זיך צעבליט מיט זיין וויסן צוויט אַזוי אַז עס האָט אַזש פאַרכאַפּט דאָס אויג. נאָר אָט האָט דער בוים אָפּגעצוויטעט און מען וואַרט אויף די שיינע עפּל . . . אָבער קיין עפּל האָט גאָר דער בוים ניט געגעבן, דער צוויט איז פאַרשוואונדן און אויף די צווייגן זיינען געבליבן נאָר גרינגע בלעטער. דער ווייסער עפּל־צוויט איז געווען נאָר אַ פאָרם, אַן אויגן־פאַרבלענדעניש און באַקומען האָט זיך אַ גאָר אַנדערער, אַן אומדערוואַרטער און אַן אַנטוישטער אינהאַלט.

מיר וועלן נעמען אַ פרוי מיט אַ מאַן. ביידע זיינען זיי יונג און שיין. ביידע זיינען געזונטע און קלוגע. ביידע האָבן זיך שטאַרק ליב. אויף זיי קוקנדיק זעט מען די האַרמאָנישקייט און צוגעפּאַסטקייט פון דעם פּאָרל. מען קען זיך פאָרשטעלן, אַז פון אַזאַ פּאָרל וועט אַרויסקומען אַ געזונטער און שיינער דור. אָבער גראָד ביי זיי איז געבוירן געוואָרן אַ קריפּל.

וואָס ווייזט דאָס? דאָס ווייזט, אַז די שיינע פאָרם פון דעם פּאָרל איז ניט שטענדיק אין אַ צושטאַנד פון זיך צו שענקן אַ גוטן אינהאַלט, אַ גוטן דור.

מיר וועלן נעמען אַ לאַנד. אויפן טראָן זיצט אַ קעניג. עס קען זיך דוכטן, אַז דאָ איז דאָס פרייע וואָרט פון דעם פאָלקס־מענטש אויף אַ שלאָס. מיר ווייסן דאָך גוט, אַז דאָרט וואו מאָנאַרכיע, דאָרט איז קיין פרייהייט ניטאָ. מיר קוקן זיך גוט צו צו דעם לאַנד און ... עס וואונדערט: דער קעניג, האָט גאָר אין דעם לאַנד כמעט קיין רעכט ניט. ער זיצט זיך אויפן טראָן נאָר לויט אַן אַלטער טראַדיציע. זיין קיניגן איז נאָר אַ מין פאָרם־זאַך, אַ רודימענט, אַן איבעריקער גליד, וואָס שטערט אָבער ניט דעם געזונט און דער אַנטוויקלונג פון דעם גאַנצן קערפּער. די גאַנצע רעכט און די גאַנצע מאַכט איז גאָר, אין דעם לאַנד, גראָד ביים פאָלק. דער גאַנצער אינהאַלט פון דער פאָרם באַשטייט גאָר אין דעם פאָלקס־ווילן.

מיר וועלן נעמען אַ צווייט לאַנד. קיין קעניג זיצט דאָרטן ניט אויפן טראָן. דעם קעניג מיט זיין משפּחה, מיט זיינע יורשים און באַדינער האָט מען שוין פון לאַנג צעשאָסן. דאָס פאָלק אַליין קיניגט איבער זיך. אין דעם לאַנד איז דאָ אַ שיינע קאָנסטיטוציע, וועגן וועלכער מען זאָגט, אַז זי איז געשריבן מיט גאָלדענע אותיות. עס קען זיך דוכטן, אַז דאָ האָט דער פאָלקס־מענטש די גאַנצע און פולע פרייהייט, און קיין שום באַגרענעצן איז גאָר פאַר דעם פאָלק ניטאָ. מיר קוקן זיך גוט צו צו דעם לאַנד און ... עס וואונדערט: דאָס פאָלק האָט גאָר אין דעם לאַנד קיין שום מאַכט ניט, און קיין שום פרייהייט ניט. טאַקע איינער פון פאָלק האָט ביי די פאָלקס־מענטשן דורך קונציקע דריידלעך, דעמאַגאָגישע אַוואַנטורעס און היפּאָ־קריסטוואָ, ביי זיי צוגענומען די פרייהייט און האָט זיי אין שקלאַפן פאַרוואַנדלט. הייסן הייסט דאָס, אַז עס הערשט אַליין דאָס פאָלק, נאָר אין דער ווירקלעכקייט הערשט גאָר אַ „פירער", אַ דיקטאַטאָר, וועלכער טיטולירט זיך אויך אַלס „לערער", „פאָטער", „וועג־ווייזער", און איז כמעט ווי אַ גאָט, אַ „שיינענדיקע" זון איבער די פאַרשקלאַפטע פאָלקס־מענטשן, ער האַלט די גאַנצע מאַכט אין זיינע הענט, און דאָס פאָלק מוז שווייגן, בויגן דעם קאָפּ און צובאָמקען צו דעם אַלעם, וואָס דער „פירער" באַפעלט. און וואָס שייך די קאָנסטיטוציע מיט די „גאָלדענע אותיות" — דאָס, ווי אויך דעם נאָמען „פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן" איז נאָר אַ פאָרם־זאַך, אַ שווינדל, ווייל דער גאַנצער אינהאַלט באַשטייט, גאָר דאָרט נאָר אין דעם ווילן פון דעם דיקטאַטאָר.

אַלזאָ:

ווי מיר זען איז ניט די פאָרם די הויפּט זאַך, נאָר דער אינהאַלט.

מען דאַרף זיך קיינמאָל ניט אָפּשטעלן אויף דער שיינקייט אַליין פון אַ זאַך, אויף דער פאָרם אַליין פון דער זאַך. ניט די שיינקייט און ניט דער נאָמען קען שטענדיק שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע, זאָגאַר דער אינהאַלט. זאָל בעסער זיין אַ פאַרעלטערטע פאָרם, אַ פאַרעלטערטער נאָמען מיט אַ גוטן אינהאַלט, איידער אַ נייע פאָרם, אַ נייער נאָמען מיט אַ שלעכטן אינהאַלט.

דער אויספיר איז:

ניט אין פאָרם גייט דאָ, נאָר אין אינהאַלט, אין דעם וואָס פאַר אַ גוטס קען די, אָדער יענע פאָרם ברענגען פאַר דער מענטשהייט. איך שטרייך אונטער, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

3.

גוטס און שלעכטס

די וועלט, די נאַטור, דער מענטש אַליץ האָט אין זיך, ווי אַ מטבעה צוויי זייטן, אַ רעכטע און אַ לינקע, אַ פּאָזיטיווע און אַ נעגאַטיווע, גוטס און שלעכטס...

די שיינע, גרויסע וועלט איז גוט פאַרן רייכן און פאַרן גליקלעכן, און איז שלעכט פאַרן אָרימען און אומגליקלעכן. די וועלט שטייט אויף גליק און אומגליק. דאָס איז אַ פאַטאַלע דערשיינונג, וואָס קיין שום נייע, אויסגעבעסערטע וועלט־אָרדענונג וועט דאָס שוין קיינמאָל ניט אויסמיידן. ווען מיר וועלן שוין דערגיין צו דער מדרגה, ווען יעדער מענטש וועט באַקומען פאַר זיין אַרבעט אַליץ וואָס ער דאַרף (און איך גלויב אין דעם) וועלן אויך זיין גליקלעכע און אומגליקלעכע. צ. ב. פראַגן פון ליבע און אייפערזוכט. קראַנקייט. וויסנשאַפטלעכע, קינסטלע־רישע, ספּאָרטישע, אַזאַרטישע און געזעלשאַפטלעכע דערהויבנקייט און נידערגע־שלאָגנקייט, **דערפאָלג און אומדערפאָלג א. ז. וו. אָבער גליק און אומגליק, מזל און** שלימזל איז ניט דאָס זעלבע וואָס גוטס און שלעכטס.

ווען די וועלט וועט דערגרייכן די תקופה, ווי יעדער מענטש וועט קענען פאַר זיין אַרבעט באַקומען אַליץ, וואָס ער דאַרף, דאַן וועט געווים אָפּפאַלן דאָס שלעכטס און עס וועט בלייבן נאָר גוטס. אָבער דערווייל עקזיסטירט נאָך אין דער וועלט, אין דער נאַטור און ביים מענטש „גוטס" און „שלעכטס". **פאַראַן אַ מענטש מיט**

א גוטן כּאַראַקטער און אַ מענטש מיט אַ שלעכטן כּאַראַקטער. עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס פילן אַפילו ניט וויפל שלעכטס זיי טאָן.

דעריבע,' זאָג איך:

זאָל זיין דער געדאַנק פון יעדער מענטשן שטענדיק געווענדעט צום גוטן, זאָל זיין הארץ און נשמה שטענדיק שטרעבן צו גוטן. און כּדי דער מענטש זאָל ווירקלעך גוטס טאָן, זאָל ער יעדער אָוונט פאַר דעם, ווי ער לעגט זיך שלאָפן זיך נעמען אַ פינף מינוט אויף צו באַטראַכטן, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן דעם טאָג. זאָל ער קאָרעגירן זיינע טאַטן און זען, וואָס קען מען פאַרבעסערן, פאַרריכטן אויף מאָרגן, כּדי עס זאָל זיך באַקומען גוט, אויב ער האָט היינט עפּעס שלעכטס געטאָן.

איך וויים, אַז ניט אַלץ וואָס פאַר מיר איז גוט איז אויך פאַר אַ צווייטן גוט. אָבער עס זיינען דאָ מענטשלעכע נאָרמעס . . . איך וויל דאָ ניט ריידן וועגן פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע נאָרמעס. איך רייד נאָר וועגן פּשוט מענטשלעכע נאָרמעס, וועגן דעם פּרימיטיווסטן און פאַרשטענדלעכסטן. וועגן דעם וואָס איז אַלעמען קלאָר, אַז גוט איז ג ו ט . . . און שלעכט איז ש ל ע כ ט . . .

ווען מען גיט אַ הונגעריקן אָפּעסן, איז דאָס גוט, אָן אונטערשיד ווער דער הונגעריקער עס זאָל ניט זיין, — אַ ייד צו אַ קריסט, אַ ווייסער צו אַ קאָלירטער. ווען מען באַקליידעט אַ נאַקעטן און אַ באָרוויסן, ווען מען גיט אַ דאַך איבערן קאָפּ אַ פאַרוואָרלאָזטן און היימלאָזן — איז דאָס גוט.

ווען מען שטויסט אָפּ מענטשן — איז דאָס שלעכט.

הרגענען דאָס איז אַן אומזין און שלעכטקייט. אויב אַ מענטש איז אַ רויבער און אַ באַנדיט וואָס ראַבעוועט און הרגעט מענטשן, דאָס הייסט נאָך ניט, אַז דו דאַרפסט אים אויך באַרויבן און הרגענען. זעץ אים אַריין אין אַ תּפיסה און זאָל ער אייביק אַרבעטן אויף דער געזעלשאַפט. מיט דעם אַליין וועסטו אַרויס דיין גוטסקייט.

צוריק הרגענען מעג מען נאָר דאַן, ווען מען ווערט זיך. צוריק הרגענען מעג מען, נאָר דאַן, ווען מען בינדט דיר אָן אַ קריג, וועלכע דו ווילסט ניט.

פאַראַן אַ סך אינדיווידועלע און געזעלשאַפטלעכע פאָרמען פון שלעכטס און גוטס. מען דאַרף נאָר באַגרייפן אין איינפאַכן זין פון וואָרט וואָס עס איז אַזוינס שלעכטס און וואָס עס איז אַזוינס גוטס און דאַן, נאָר דאַן וועט מען טאָן גוטס.

ג ו ט ס און ש ל ע כ ט ס דאָס זיינען קאָנקרעטע פאָרמען, וואָס מען פילט זיי, מען זעט זיי און מען באַגרייפט זיי. — עס העלפן דאָ ניט קיין שום אַגיטאַציעס און פּראָפּאַגאַנדעס. אַבסטראַקט גענומען קען דאָך יעדער אָריענטאַציע, יעדער

פּאָליטישע און פּאַרטייאישע ריכטונג, יעדער רעליגיעזע שטרעמונג, יעדער אידעאַל זיין גוטס. דאָס גוטס איז אָבער נאָר אַבסטראַקט, אין דער פּאַנטאַזיע פון דער שטרעבנדער אידייע. דערגרייכט מען נאָר די אידייע און די פּאַנטאַזיע ווערט פאַרווירקלעכט, אַ דאַן זעט מען, וואָס עס איז „גוט" און וואָס „שלעכט". די געשיכטע פון אַ סך שטרעבונגען, וועלכע זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן, האָט אונדז דאָס אַלץ מיט אַנטוישנדע פאַקטן באַוויזן. אין דעם זינען איז די יידישע משיח־פּאַנטאַזיע די שענסטע . . .

גוט זיינען אויך אַלע רעליגיעזע פּאַנטאַזיעס, וועגן אַ יענער וועלט מיט אַ גן־עדן. איך זאָג, אַז זיי זיינען „גוט", ווייל זיי זיינען ניט דערגרייכבאַר, זיי ווערן ניט פאַרווירקלעכט און מען קען דאָ ניט אָנווענדן דאָס קאָנקרעטע: גוט, שלעכט.

אונזער פּאַנטאַזיע איז אָבער אַזאַ, וואָס שטייט מיט פעסטע פיס אויף דער האַרטער ערד פון גאָטס־וועלט. און דערפאַר זאָג איך:

— נידער מיטן שלעכטן, מיר ווילן נאָר ג ו ט ס!

4.

קלאַסן־קאַמף און עקזיסטענץ־קאַמף

צי זיינען פאַראַן קלאַסן אויף דער וועלט? — איך זאָג: יאָ!

צי דאַרף מען פירן אַ קלאַסן־קאַמף? — איך זאָג: ניין!

ווי אַזוי־זשע וועלן מיר דערגיין צו דעם צושטאַנד, אַז אַלע מענטשן זאָלן לעבן גוט?

איך זאָג: ניט דורך קלאַסן־קאַמף, נאָר דורך עקזיסטענץ־קאַמף.

איינער אַ גרויסער געלערנטער, פילאָזאָף, מאַטעמאַטיקער און רעוואָלוציאָנערער טרוימער, איז אין זיינע קלאַסן־קאַמף טעאָריעס אַרויסגעגאַנגען פון וויסנשאַפטלעכע און פּראַקטיש באַגרינדלעכע הנחות. דאָס האָט אויף אַ באַשטימטער צייט געבראַכט גוטע רעזולטאַטן, אַ דאַנק וועלכע דער אַרבעטנדיקער מענטש האָט דערגרייכט די איצטיקע, הויכע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מדרגה. עס האָט געטריי אָפּגעדינט די האַרעפּאַשנע מאַסן, עס האָט אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע היסטאָרישע מיסיע און איז איצט, אַ דאַנק אַ ריי וועלטלעך־פּאָליטישע מעטאַמאָרפאָזיעס, פאַרעלטערט און אויסגעלעבט געוואָרן. נאָך די „פּאַטאַלע", אומענטשלעך־באַלשע־

וויסטישע רעוואָלוציעס, וואָס האָבן זיך געשטיצט אויף דער טעאָריע און האָבן אַרויסגערופן צום לעבן דעם שרעקלעך־מערדערישן, ווילד־חיהשן פאַשיזם און דער־נאָך די אַטאָם־באָמבע, נאָך די אַלע גרויזאַמע מאָראַליש און פסיכישע ענדערונגען פון מענטש צו מענטש, — קען שוין דער קלאַסן־קאַמף ניט האָבן קיין תיקון אין לעבן. דער מענטש און די וועלט זיינען איצט אין אַ סטאַדיע פון זוכן, און זוכן עפּעס גאָר, גאָר אַנדערש . . .

איך בין אַ פאָלקס־מענטש, אַ פּראָסט פּשוטער בן־אדם, וואָס האָב זיך פון קינדוויז אָן באַגעגנט מיט טויזנטער מענטשן פון פיל פעלקער, זיך געפּלאָגט און געוואָגלט אויף וועגן און אומוועגן, צווישן אָרימע און רייכע, אין תפיסות און אין טעמפּלען, אין פּאַרטייען און אויף מערק, אין קאַלטן סיביר און אין הייסן אָריענט און אומעטום האָב איך געזען דעם מענטש וואָס שטאַמט פון אדם הרשון, דעם נאַקעטן מענטשן, וואָס שטאַמט פון דער ערד און קומט צו דער ערד, דעם מענטשן, וואָס דאָס ביטערע, פינצטערע, „אויפגעקלערטע" און „ציוויליזירטע" לעבן האָט אים געמאַכט נידערטרעכטיגלעך און אומענטשלעך, דעם מענטשן וואָס עסט ניט קיין גאָלדענע רענדלעך, — נאָר דעם מענטשן וואָס עסט ברויט פון מענטשלעכער מי און וואָס טרינקט וואַסער פון גאָטס קוואַלן.

און דעריבער זאָג איך:

— ניין, ניט קעמפן קעגן דעם וואָס איז רייך. ניט פאַרניכטן דעם מענטש, ווייל ער האָט אָנגעזאַמלט פאַרמעגנס, אפילו דורך בלוט, שווייס טרערן און מי פון אַנדערע מענטשן, נאָר קעמפן פאַר אייגענער עקזיסטענץ.

איך זאָג:

זאָל זיך דער רייכער פרייען מיט זיינע מיליאָנען, זאָל ער זיך שפּילן מיט זיינע פאַרמעגנס, ווי אַ קינד מיט אַ ליאַלקע. סיי ווי סיי לעבט אַ מענטש ניט אייביק און ער לעבט ניט צוויי לעבנס נאָר איין לעבן . . . יאָ, איך וועל קעמפן, איך וועל מיין בלוט פאַרגיסן, אָבער ניט פאַר דעם, אַז איך זאָל דעם רייכן פאַרניכטן און אַליין גאָר־ניט האָבן (סאָוועטן־רוסלאַנד איז אַ גוטע אילוסטראַציע אין דעם הינזיכט), נאָר איך וועל קעמפן פאַר דעם, אַז מיין עקזיסטענץ זאָל זיין געזיכערט מיט ז א ט ק י י ט מיט פ ר י ד ן, מיט פ ר י י ד און מיט גערעכטיקייט.

יאָ, גערעכטיקייט . . .

דאָס איז דאָך אַלץ (אָן שום פּאָליטיק) וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן און צוליב וואָס אַ מענטש שטרעבט.

און אויב עס וועט שוין אַמאָל זיין קאָמונע אויף דער וועלט, וועט מען דען

צו בעסערם דערגרייכן, ווי צו עסן געשמאַק און זאַט, וואַיינען אין אַ שיין און באַקוועם הויז, טראָגן אַ פיינעם אָנצוג, לייענען אַ בוך, אַ צייטונג און זיך פאַרווײַלן אין אַ טעאַטער ? !

יאָ, פאַר דעם קעמפט מען. מען באַשמוצט אָבער דעם הייליקן קאַמף מיט „העכערע מאַטעריעס, אידייען, פּאָליטיק און אידעאָלאָגיעס".

און איך זאָג : איצט, איז דאָס שוין ניט מער קיין קלאַסן־קאַמף, נאָר דאָס איז : ע ק ז י ס ט ע נ ץ ־ ק א מ ף. ביז וואַנען די מענטשהייט וועט ניט דערגרייכן דאָס וואָס דער עקזיסטענץ־קאַמף פאָדערט, וועט קיין פרידן אויף דער וועלט ניט זיין.

5.

פאָלק, ראַסע און נאַציע

יעדער מענגע מענטשן וואָס ריידן אויף איין שפּראַך אָדער אפילו אויף עטלעכע שפּראַכן, וואָס וואוינען אויף איין אָרט אָדער אפילו אויף פאַרשידענע ערטער, אָבער וואָס זיי האָבן איין געשיכטלעכע טראַדיציע, איין טראַדיציאָנעלע קולטור און איין טראַדיציאָנעלן גורל, אָט די אַ מענגע מענטשן זיינען אַ פאָלק. און ווען דער ערשטער אַטריבוט „געשיכטלעכע טראַדיציע" פאַלט מיט דער צייט אָפּ, און אפילו ווען דער צווייטער אַטריבוט „טראַדיציאָנעלע קולטור" פאַלט אָפּ, און עס בלייבט נאָר דער דריטער אַטריבוט „טראַדיציאָנעלער גורל" — דאַן שאַפן דאָך די מענגע מענטשן פאָרט איין פאָלק. אַלס קלאַסישער ביישפּיל דינען די יידן.

צי זיינען פאַראַן פאַרשידענע ראַסן ?

יאָ ! אָבער ראַסע איז ניט פאָלק. די פאַרברעכערישע אריער־טעאָריע פון די פאַשיסטן, פון די דייטשישע נאַצים, איז געווען דורכאויס אַ ליגנערישע און איז געווען באַזירט אויף אויפהויבן איין „ראַסע" מענטשן אַלס הערשער און דערנידעריקן אַ צווייטע „ראַסע" מענטשן אַלס קנעכט.

איך זאָג : עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע ראַסעס, נאָר ניט קיין באַזונדערע ראַסעס. עס קען זיין אין איין פאָלק גופא פאַרשידענע ראַסעס. אַ ספרדישער ייד, איז ניט ענלעך אויף קיין אשקענאַזער יידן, אַ בוכאַרער ייד, איז ניט ענלעך אויף קיין דייטשישן יידן א. א. וו. און דאָך זיינען זיי אַלע איין יידיש פאָלק אַ דאַנק זייער

אלגעמיין־געשיכטלעכע טראַדיציע, טראַדיציאָנעלער קולטור און די הויפּט זאַך — טראַדיציאָנעלן גורל. דאָס קען אויך געזאָגט ווערן בנוגע די דייטשן, וועלכע באַשטייען אויך, ווי די יידן פון פאַרשידענע טיפּן און ראַסן. אומזיסט האָט מען געוואָלט שאַפן אַ טעאָריע, ווענן אַ פאָלק, וואָס באַשטייט פון אַ באַזונדערער ראַסע. די „טעאָריע" איז סקאַנדאַליעז דורכגעפאַלן. צווישן די דייטשן זיינען פאַראַן אַמ־וויניקסטן בלאָנד־האָריקע, צום מערסטן זיינען דאָ שוואַרץ־האָריקע דייטשן, אייניקע פון זיי זיינען געלע און רויטלעכע. און נעזער, האָבן די דייטשן לאַנגע, האָרבאַטע, גלייכע, קורצע, און קורנאָסע. לויטן וואוקס זיינען זיי לאַנגע, גאָר הויכע, מיטעלע, קורצע, קליינע און גאָר נידעריקע. און די אַלע דייטשן זיינען אַבסאָלוט ניט קיין איינהייטלעכע ראַסע, אַזוי ווי זיי ווילן דאָס זיין, און דאָך זיינען זיי איין פאָלק, כאָטש דער בייער איז גאָר ניט ענלעך אויפן זאַקס און דער פּרוס איז גאָר ניט ענלעך ניט אויפן בייער, ניט אויפן זאַקס און ניט אויפן עסטרייכער און אַזוי ווייטער. זיי האָט פאַרבינדן אַן אַלגעמיינע געשיכטלעכע טראַדיציע, אַ טראַדיציאָנעלע קולטור און אַ טראַדיציאָנעלער גורל. און די שפּראַך איז ביי זיי כמעט אַן איינהייטלעכע. זיי זיינען דייטשישע פעלקערשאַפטן, וועלכע זיינען אַ דאַנק אַ ריי היסטאָרישע סיבות פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דייטשיש פאָלק. זייער טראַדיציאָנעלע קולטור איז צו ווערן העכער איבער דער גאַנצער וועלט. זייער טראַדיציאָנעלער גורל איז צו ווערן נידערגעשלאָגן נאָך יעדער פאַרזוך פון וועלן העכער איבער דער גאַנצער וועלט און איבער אַלע מענטשן.

א נ א צ י ע זיינען אָבער די מענגע מענטשן, וועלכע לעבן אויף איין טעריטאָריע, האָבן איין עקאָנאָמיק, האָבן איין קולטור און האָבן אַ נשמהדיקן דערהויבענעם געפיל פון איין פאָטערלאַנד. מעגן שוין אַפילו די מענגע מענטשן ריידן אויף פאַרשידענע פיל שפּראַכן, נאָר כל־זמן זיי לעבן אין איין לאַנד, אויף איין טעריטאָריע און צו דעם לאַנד האָבן זיי די שענסטע דערהויבנסטע, פאַטריאָטישע געפילן, אָט די אָ מענגע מענטשן שאַפן איין נאַציע. אַלס קלאַסישער ביישפּיל דינען די אַמעריקאַנער.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז עס קען ניט זיין קיין אויסנאַם־פאַל. צ. ב. די רוסישע עמיגראַנטן, וואָס זיינען גרייט פון יעדער ווינקעלע פון דער וועלט וואו דער שיקזאַל האָט זיי צוליב פּאָליטישע טעמים פאַרוואָרפן אין משך פון צענדליקער יאָרן, צו פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד — אָט די רוסן געהערן דאָך צו דער רוסישער נאַציע, אויב נאָר ביי זיי איז ניט אויסגעוועבט געוואָרן דער געפיל צו זייער גרויס רוסיש פאָטערלאַנד. אַזוי אויך איז דאָס מיט די יידן, וועלכע בענקן נאָך זייער

היסטאָרישער היים, ציון, וועלכע העלפן אויסקעמפן און אויפבויען ארץ־ישראל און זיינען גרייט אוועקגעבן זייער לעבן פאַרן יידישן פאָטערלאַנד, כאָטש אַליין זיינען זיי בירגער פון אַן אַנדער לאַנד. — אָט די יידן צוזאַמען מיט די יידן פון ישראל בילדן אַ נאַציע.

און אויב אַפילו מיר וועלן נאָר נעמען אַ געמיינזאַמע מענטשן, וואָס האָבן נאָר געשאַפן זייערע אַן אייגנאַרטיקע, נאָר פאַר זיי אַ ספּעציפישע טראַדיציאָנעלע קול־טור, בילדן שוין די מענגע מענטשן אַ נציע, ניט געקוקט אויף דעם צי זיי לעבן אַלע צוזאַמען אויף איין טעריטאָריע צי זיי זיינען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער וועלט. אין דעם פאַל זעען מיר, אַז די יידן, וועלכע האָבן אין משך פון טויזנטער יאָרן געשאַפן זייער ספּעציפיש יידישע טראַדיציאָנעלע און וועלטלעכע קולטור, אפילו אין עטלעכע שפּראַכן, ווי צ ב. אין העברעאיש, אַראַמייאיש, יידיש, רוסיש, ענגליש א. א. וו. די יידן שטעלן מיט זיך פאָר אַ נאַציע.

פאַרשידענע פערזענלעכקייטן האָבן אין פאַרשידענע צייטן געגעבן פאַרשי־דענע דעפיניציעס און באַשטימונגען וועגן דעם טערמין נ אַ צ י ע.

און איך זאָג: דאָס אַלץ איז ניט וויכטיק און ניט דער עיקר. וויכטיק איז אָבער דאָס וואָס יעדער פאָלק, יעדער ראַסע און יעדער נאַציע אָן אויסנאַם, האָט אַ רעכט זיך אויסלעבן אויף זיין שפּראַך און אין זיין שפּראַך, אויף אַ פרעמד־דער־וואָרבענער שפּראַך, צי אויף אַן אויסגעטראַכטער נייער שפּראַך, אויף אַן אייגענער באַשטימטער טעריטאָריע, צו צעשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט. וויכטיק איז דאָס, אַז עס דאַרפן ניט, טאָר ניט און קענען ניט זיין קיין העכערער־פאָלק, ראַסע, נאַציע און קיין נידעריק פאָלק, ראַסע, נאַציע. — יעדער מענטש האָט אַן אָרט אויף גאָטס ערד. איין מענטש דאַרף דולדן אַ צווייטן און פון דעם איז שוין קלאָר, אַז אויך איין פאָלק דאַרף דולדן און טאָלערירן אַ צווייט פאָלק, איין ראַסע אַ צווייטע ראַסע און איין נאַציע אַ צווייטע נאַציע.

פריער פאַר אַלץ קומט דער מענטש, דערנאָך ערשט זיין אָנגעהעריקייט צו אַ נאַציע (און אויך צו אַ רעליגיע און צו אַ פאַרטיי).

די נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט פון אַ מענטשן באַזונדער (ווי אויך פון אַ גרופּע מענטשן,) וואָלט מען ניט שטענדיק באַדאַרפט פעסטשטעלן פון דעם פאַקט, וואָס דער מענטש איז געבוירן געוואָרן ביי עלטערן פון אַ באַשטימטער נאַציע אין אַ באַשטימט לאַנד, נאָר פון דעם וואָס דער מענטש שטעלט מיט זיך פאָר אַלס מיט־גליד פון דער באַשטימטער און באַטרעפנדער נאַציע. סמנים פון אָנגעהעריקייט צו אַ נאַציאָנאַליטעט זיינען ביי יעדער מענטשן פאַראַן. די וויכטיקסטע סמנים זיינען

אבער די פאָלגנדע: דאָס וואוינען אין דעם לאַנד פון דער נאַציע צו וועלכער מען געהערט, ריידן אויף דער שפּראַך פון דער באַטרעפנדער נאַציע, דינען דער רעליגיע פון דער נאַציע, רעספּעקטירן די געזעצן און די טראַדיציעס פון דעם לאַנד און פון דער נאַציע, זיך שטענדיק פילן געבינדן מיט דער נאַציע א. א. וו.

א מענטש קען זיך אין געוויסע פאַלן פאַררעכענען פאַר אַן אָנגעהעריקן צו אַ געוויסער נאַציע נאָר מיט דעם פאַקט אליין, וואָס ער לעבט אין אַ לאַנד פון אַ געוויסער נאַציע, ער איז אַ בירגער פון דעם לאַנד און האָט ליב דאָס לאַנד און פילט אויף זיך די פליכט, ווי יעדער איינער פון דער נאַציע פון דעם לאַנד.

אַ מענטש, וואָס וואוינט ניט אין דעם לאַנד פון זיין נאַציאָנאַליטעט, נאָר אין אַן אַנדער לאַנד פון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט, אָבער ער האָט דאָך אין זיך אָפּגעהיט אייגנשאַפטן און סמנים פון זיין פריערדיק לאַנד און זיין אייגענער נאַציאָנאַליטעט, דער מענטש בלייבט אין דעם צווייטן לאַנד אַן אָנגעהעריקער פון זיין אייגענער, ערשטער, פריערדיקער נאַציע, — ניט געקוקט אויף דעם וואָס אין דעם צווייטן לאַנד איז ער אַ גוטער בירגער, ער האָט ליב דאָס צווייטע לאַנד און ער איז אפילו אַ גרויסער פּאַטריאָט פון דעם צווייטן לאַנד.

מענטשן וואָס קענען זיך ניט שיידן מיט פּרינציפּן, אייגנשאַפטן, טראַדיציעס און סמנים פון זייער נאַציע, און זיינען דאָך צוגעבונדן מיט ליב און לעבן צו אַ צווייטער נאַציע (צו אַ צווייט לאַנד) אַזעלכע מענטשן געהערן איינצייטיק צו צוויי נאַציעס.

אַ מענטש וואָס וואוינט ניט אין דעם לאַנד פון זיין נאַציאָנאַליטעט, נאָר אין אַן אַנדער לאַנד פון אַן אַנדדער נאַציאָנאַליטעט און ער פאַרלירט אַלע אייגנשאַפטן אָדער סמנים פון זיין לאַנד אָדער פון זיין נאַציאָנאַליטעט, דער מענטש ווערט אין צווייטן לאַנד אַן אָנגעהעריקער פון דער אַנדערער נאַציע און עס איז שוין ניט וויכטיק אין אַ וועלכער נאַציאָנאַליטעט, אין אַ וועלכן לאַנד און ביי אַ וועלכע עלטערן ער איז געבוירן געוואָרן.

צום ביישפּיל:

אַ רוס, אַ טערק, אַ פראַנצויז, אַן ענגלענדער — זיי אַלע געהערן צו זייערע נאַציאָנאַליטעטן, ווייל זיי אַנטהאַלטן אין זיך געוויסע סמנים און אייגנשאַפטן פון זייערע נאַציאָנאַליטעט־אָנגעהעריקייטן: שפּראַך, רעליגיע, קולטור, טראַדיציע, היימ־לאַנד און אַזוי ווייטער. ווען אַ רוס, אַ טערק, אַ פראַנצויז, אַן ענגלענדער, ווען עמיצער פון זיי פאַרלאָזט זייער היימלאַנד (פאָטערלאַנד, מוטער־לאַנד) און פאָרט אַריבער אין אַ פרעמד לאַנד, בלייבט ער פאָרט אַ רוס, אַ טערק, אַ פראַנצויז אַן

ענגלענדער — אויב נאָר ער האַלט אָן אין דעם פרעמדן לאַנד געוויסע סמנים אָדער אייגנשאַפטן פון זיין נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט.

אָבער ווען אַ רוס וואָס וואוינט למשל אין טערקיי, הערט אויף צו ריידן רוסיש, פירט זיך ניט אויף לויט די טראַדיציעס פון די רוסן און בלייבט אפילו אָן איין סימן, וועלכער זאָל זיין כאַראַקטעריסטיש פאַר דער רוסישער אָנגעהעריקייט, — נאָר פאַרקערט ער דערווערבט אין זיך אייגנשאַפטן פון אַ טערק, איז דער רוס שוין מער קיין רוס ניט, נאָר אַ טערק.

אַזוי איז אויך מיט פראַנצויזן, מיט ענגלענדער, מיט שפּאַניער, מיט דייטשן, מיט טערקן, מיט אַראַבער און מיט יידן.

אַ ייד בלייבט שטענדיק אַ ייד, נאָר ווייל אין אַלע באַדינגונגען, ביי אַלע אומ־שטענדן היט ער אין זיך אָפּ עפּעס אַ מין סימן, אַ פּינטעלע פון יידישער אָנגע־העריקייט.

דער ייד, וואָס אַנטהאַלט אין זיך ניט כאָטש איין סימן, איין פּינטעלע פון דער יידישער אָנגעהעריקייט איז מער קיין ייד ניט, ניט אָפּהענגיק פון דעם צו ער אַליין האַלט זיך פאַר אַ יידן, צי אַנדערע האַלטן אים פאַר אַ יידן.

דאָס זעלבע איז נוגע אַ רוס, אַ פראַנצויז, אַ טערק, אַן ענגלענדער, אַ שפּאַניער, אַ דייטש און אַזוי ווייטער.

אַלזאָ:

כדי צו געהערן צו אַ געוויסער נאַציאָנאַליטעט מוז מען האָבן כאָטש איין סימן פון דער אייגנשאַפט פון דער באַטרעפנדער נאַציע. אַ מענטש קען אויך געהערן אין געוויסע פאַלן צו צוויי נאַציאָנאַליטעטן.

און דאָך איז די נאַציאָנאַליטעט פון אַ מענטשן ניט די הויפּט־זאַך. די הויפּט־זאַך איז דער מענטש אַליין, ווי אויך די גאַנצע מענטשהייט צוזאַמען.

אָבער אויף אַזויפל אויף וויפל די מענטשהייט איז פּאָרט איינגעטיילט אויף פאַרשידענע נאַציעס, און דאָס איצט אויסמיידן איז שוין אוממעגלעך, מוז יעדער מענטש פריער פאַר אַלץ זיין אַ מענטש און אויך מיט כבוד טראָגן זיין אָנגעהעריקייט צו זיין נאַציע.

נאַציע, נאַציאָנאַליטעט און פאָלק זיינען היסטאָרישע דערשיינונגען און ניט קיין קינסטלעכער צוזאַמענשטעל. דערפאַר איז ניט וויכטיק צי אַזאַ און אַזאַ גע־לערנטער, פילאָזאָף, סאָציאָלאָג אָדער „פירער" באַשטימט זיינס אַ דעפיניציע וועגן זיי. דאָך קאָן אויך איצט, ביי אונדז אין די אויגן, אויפקומען, אויפשטיין אָדער זיך אויסבילדן אַ גאָר נייע נאַציע אָדער פאָלק צ. ב.:

אויב צווישן אַלע מענטשן צווישן אַלע לענדער, צי אַפילו פון איין לאַנד, וועט זיך שאַפן אַ גרופּע מענטשן ביי וועלכע עס וועט זיך אויסבילדן אַ נייע נאַציאָנאַלע זעלבסט־דערקענטעניש און די דאָזיקע גרופּע מענטשן וועלן זיך אָנהויבן רופן „אדאַ־מיסטן", אויב זיי וועלן געפינען, אַז זיי האָבן אַ געמיינזאַמען אָפּשטאַם (אדם איז זייער אַלעמענס פאָטער), אַ געמיינזאַמע אידיי (אדאַמיזם איז זייער גלויבן) און דאָס וועט זיי פאַראייניקן אין אַן איינס (כאָטש זיי וועלן ריידן אויף פאַרשידענע שפּראַכן און וואוינען אויף פאַרשידענע טעריטאָריעס), וועט די גרופּע מענטשן קענען קומען צו אַ באַשלוס, אַז זיי ווילן שאַפן אַ נייע נאַציע אָדער זיך פּראָקלאַ־מירן אַלס נייע נאַציע.

דאָס נייע פאָלק, אָדער נאַציע, וועט עקזיסטירן און זיך אַנטוויקלען, ניט אָפּ־הענגיק פון דעם צי די „קלוגע" געלערנטע און די פּאַרטייאישע „פירער" וועלן דאָס יאָ וועלן אָדער ניט.

און עס איז מעגלעך, און איך גלויב אין דעם, אַז פון דעם „אדאַמיזם", אויב נאָר עס וועלן צושטיין צו דער באַוועגונג אמת קלוגע און אמת גוטע מענטשן, זאָל מיט דער צייט אויסוואַקסן אַ נייע נאַציע מיט אַ נייער רעליגיע (אָדער אָן אַ רעליגיע), מיט איינער אָדער עטלעכע וועלט־שפּראַכן.

9.

רעליגיע און פריידענקערשאַפט

רעליגיע דאָס איז אַ פּריוואַטע זאַך פון יעדער מענטש באַזונדער. פריידענ־קערשאַפט דאָס איז אַזאַ מדרגה, וואָס צו דעם קען מען דערהויבן ווערן נאָר דורך אַ טיפער דערקענונג פון דער וועלט. אָבער אַזוי ווי עס איז שעדלעך פאַר דער מענטשהייט ווען מען וויל מיט גוואַלד עמיצן צווינגען צו זיין רעליגיעז, אַזוי איז אויך שעדלעך פאַר דער מענטשהייט ווען מען וויל עמיצן צווינגען צו זיין אַנטי־רעליגיעז.

איז ווי אַזוי דאַרף זיין געבויט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן ?

איך זאָג : מען דאַרף רעספּעקטירן סיי דעם גלויביקן און סיי דעם פריי־דענקער!

דערציאונג איז אַ פּריוואַטע זאַך פון די עלטערן. ביז 17 יאָר איז יעדער קינד אין רשות פון די עלטערן (די קינדער וואָס האָבן ניט קיין עלטערן דאַרפן זיין אין

רשות פון אַזעלכע קינדער־הייזער, וואָס זיינען לויט זייער פּסיכי־אידעאָלאָגישער איינשטעלונג נאָענט צו דער פּסיכי־אידעאָלאָגיע פון די קינדערס פאַרשטאָרבענע עלטערן). אין יעדער שטאָט און דאָרף דאַרפן זיין שולן פון צוויי ריכטונגען, פון רעליגיעזער און פריידענקערישער, אָבער בשום אופן ניט קיין פּאָליטישע ריכטונג. (דערלויבט ניט קיין ריינע, אומשולדיקע קינדער זיך פאַרנעמען מיט אומריינער, מיעוסער פּאָליטיק). יעדער פאָטער און מוטער דאַרפן געבן דאָס קינד נאָר אין דער שול וואָס זיי איז אָמליבסטן. די פּראַקטיק פון די פאַשיסטן וואו מען האָט מיט צוואַנג געמוזט אָפּגעבן קינדער נאָר אין זייערע „מושטור"־שולן, ווי אויך די פּראַקטיק פון די קאָמוניסטן, וואו מען צווינגט אַ געוויסע צאָל קינדער מיט גוואַלד און אָפּט קעגן ווילן פון די עלטערן, נאָך דעם ווי זיי ענדיקן די 7־טע קלאַסן, צו גיין זיך „לערנען" אין די פאַבריק־זאַוואָד־שולן־„פאַבזאַוואָוטש", אָט די שעדלעכע און אַנטי־פּעדאַגאָגישע פּראַקטיק מוז דורך אַ געזעץ פאַרבאָטן ווערן. דערביי מוז מען אָבער אין די רעליגיעזע שולן לערנען אויך אייניקע פריידענקערישע געגנשטאַנדן און אין די פריידענקערישע שולן מוז מען לערנען אייניקע רעליגיעזע געגנשטאַנדן. אַזאַ צוזאַמענלעבונג פון רעליגיע און פריידענקערשאַפט וועט ברענגען גרויסע נוצן דער מענטשהייט.

ווען איך רייד וועגן רעליגיע האָב איך אין זינען אַלע רעליגיעס אָן אויסנאַם, אויף אַזוי פיל וויפל אַלע רעליגיעס פּריידיקן גאָטהייט, הייליקייט און ליבע צו גאָט און צו מענטשן.

איך זאָג: הייליק איז די תפילה אויף יעדער שפּראַך, ביי יעדער פאָלק, אין יעדער טעמפּל און אין יעדער אָרט, אויפן פעלד, אין וואַלד, אויפן וואַסער און אין דער לופט. אָבער הייליק איז די תפילה נאָר דאַן, ווען אין איר איז דאָ גאָטס וואָרט און גאָטס וואָרט דאָס איז ליבע צו אַלע מענטשן אָן אונטערשיד. ליבע, רחמנות און גוטסקייט ניט נאָר ווען מען דאַוונט און מען זאָגט שיינע ווערטער, נאָר ווען מען טוט עפּעס גוטס, ממשותדיקס גוטס פאַר מענטשן און פאַר דער מענטשהייט, פאַר דער וועלט און פאַר דעם פרידן אויף דער וועלט.

און איך זאָג אויך: דער מענטש, דער פריידענקער וואָס זאָגט ניט קיין תפילה צו גאָט, ער דערהויבט זיך דאָך צו גאָטהייט ווען ער טוט גוטס צו אַ צווייטן מענטשן, ווער דער צווייטער מענטש זאָל ניט זיין: אַ ייד, אַ קריסט, אַ מוסולמענער צי גאָר אַ געצענדינער.

7.

פּאַרטייען און פּאָליטיק

יעדער פּאַרטיי האָט אַ פּלאַטפאָרם מיט אַ פּראָגראַם. די פּלאַטפאָרם דאָס איז דער באַזיס, די פּראָגראַם דאָס איז די שטרעבונג. איך האָב זיך פאַראינטערעסירט מיט הונדערטער גרופּעס, קרייזלעך, פאַראיינען, אָרדנס, פאַרבאַנדן און פּאַרטייען. און אַלע שטרעבן זיי צו זייער דערהויבענע זאַכן, אַלע האָבן זיי אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן רעכט אויף עקזיסטענץ. עס קען ניט געמאָלט זיין קיין אמת אויפ־ריכטיקע דעמאָקראַטיע, ווען מען דולדעט ניט און מען טאָלערירט ניט די פּיל־צאָליקע פּאַרטייען. עס וואָלט געווען אַן אומרעכט ווען אַ גרופּע מענטשן מיט איינע און די זעלבע וועלט־אַנשויאונגען, שטרעבונגען און געפילן זאָלן ניט קענען שאַפן זייער קרייז וואו זיי זאָלן קענען פאַרטיפערן זייערע געדאַנקען און פּראָפּאַגאַנדירן זייערע אידייען.

די נידערטרעכטיקע פאַשיסטן, די אָפענע פיינט פון עפּעס אַ מענטשלעך־דעמאָקראַטישן גאַנג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, זיי, די פאַשיסטן האָבן פאַרבאָטן יעדער שטרעמונג, יעדער שטרעבונג, יעדער אידיי און יעדער געדאַנק. נאָר זיי, די ווילדע דיקטאַטאָרם האָבן געהאַט רעכט צו „דענקן" און צו „שטרעבן" . . . און דערפאַר איז טאַקע אומפאַרשטענדלעך און אָפּנאַרעריש די אויפירונג פון די קאָמור־ניסטן, וועלכע שרייען, אַז נאָר זיי אַליין זיינען די אמתע דעמאָקראַטן און ווייטער קיינער ניט און דערביי פאַרמאַכן זיי דאָס מויל, זיי „ליקווידירן" יעדער איינעם וואָס וואַגט אַרויסזאָגן עפּעס אַ מין געדאַנק, וואָס שטימט ניט מיט זייער „קאָמוניסטישער" טעאָריע און איבערהויפּט מיט זייער פּראַקטיק . . . איז איינס פון די ביידע: האַלטן זיך טאַקע די קאָמוניסטן פאַר דעמאָקראַטן, טאָ זאָלן זיי איינפירן ביי זיך פרייהייט פון וואָרט, געדאַנק און פּרעסע. זאָלן זיי דערלויבן די עקזיסטענץ אויך פון אַנדערע פּאַרטייען! און אויב זיי טוען דאָס ניט הייסט עס, אַז עפּעס איז ביי זיי ניט גלאַט, פאַלש און זיי שרעקן זיך פאַרן אמת. דאָס הייסט זיי זיינען אומווירדיקע דיקטאַ־טאָרס, רויטע פאַשיסטן און זיי נאַרן נאָר די אַרבעטנדיקע מאַסן מיט דעמאַגאָגיש־אויפּשרויפנדע ווערטלעך . . .

איך זאָג: יעדער מענטש האָט די פולע רעכט צו דענקען, אַזוי ווי זיין נשמה, זיין האַרץ, זיין פאַרשטאַנד און זיינע געפילן דיקטירן אים. יעדער גרופּע מענטשן

האָט רעכט לויט זייערע געמיינזאַמע אידייען און שטרעמונגען זיך פאַראייניקן אין א פּאַרטיי און דורכפירן זייער אידיי און באַלויכטן זייער אידיי, ווענדנדיק זיך צום באַוואוסטזיין פון דער גאַנצער מענטשהייט.

איך זאָג אָבער אויך: יעדער אידיי, געפיל, וועלט־אנשויאונג און באַוועגונג, וועלכע ווערט אַרויפגעצוואונגען אויף דער מענטשהייט מיט צוואַנג אָדער דורך בלוטיקן קאַמף, מיט געווער אין האַנט, ווערט אוים אידיי, אוים געפיל, אוים וועלט־אנשויאונג און אוים באַוועגונג. — א נייע אידיי, א נייע אָרדענונג דאַרף די מענטש־הייט אויפנעמען מיטן גאַנצן באַוואוסטזיין, דורך אַן אַלפּאַלקישער אָפּשטימונג און ניט דורך גוואַלדטאַט פון א פּאָליטישער גרופּירונג.

דער קאַמף פאַר מאַכט פאַר הערשאַפט, דער קלאַסן־קאַמף, דער קאַמף פאַר „ווער וועמען" האָט פאַרוואַנדלט אַלע גרופּירונגען אין פּאָליטיש־קעמפנדיקע אינסטי־טוציעס אין וועלכער דער אידייאישער קאַמף ווערט פאַרביטן אויף פּאָליטישן קאַמף, מיט בלוטיקע צוזאַמענשטויסן, און אַלץ דאָס ווערט אינסצינירט דורך קליינלעכע מענטשן, וואָס זיינען אָבער גרויסע דעמאַגאָגן און פסעוודאָ־געניאַליטעטן. זיי פאַר־כאַפּן די מאַכט ביי איין הערשער און פאַרוואַנדלען זיך, א דאַנק זייערע דעמאַגאָגישע קונצן נאָך אין גרעסערע און גרויזאַמערע הערשער ווי די פריערדיקע.

איך זאָג: אין א דעמאָקראַטישער מענטשלעכער אָרדענונג קען מען, מען מעג און מען דאַרף דולדן אַלע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פּאַרטייען און קלובן, פאַרבאַנדן און ליגיעס, וואָס ווילן זייערע אידייען זאָלן דערגיין צו די מאַסן דורך אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע.

דער מענטש איז שוין גענוג אויסגעוואַקסן, כדי ער זאָל דערפילן אין דער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע דאָס אויפריכטיקע, דאָס אמתדיקע, דאָס מענטשלעכע און דאָס יושרדיקע. ווען 80 פּראָצענט פון דער מענטשלעכער געמיינדע וועט האָבן איין אידיי, איין ווילן, איין שטרעבונג דאַן און נאָר דאַן, וועט מען, אָן בלוט פאַר־גיסונג, נאָר דורך אַלגעמיינע וואַלן, קומען צו דער נייער, צו א בעסערער אָרדענונג. פון דעם איז געדרונגען, אַז קיין שום פּאַרטיי וואָס רופט צו אָפענעם קאַמף מיט געווער אין האַנט איז ניט באַרעכטיקט צו עקזיסטענץ.

די לעבן־פּראַקטיק פון יעדן איינעם, וואָס וויל זיך אָנרופן מיט דעם שטאָלצן נאָמען — מענטש, האָט אונדז געלערנט, אַז אין דער ערשטער ריי מוז פאַרבאָטן ווערן די עקזיסטענץ פון יעדער פאַשיסטישער און פּראָ־פאַשיסטישער פּאַרטיי און באַוועגונג.

איך זאָג: אין אַ פרייער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט זיינען דאָך פאַראַן תפיסות פאַר באַנדיטן וואָס הרגענען מענטשן, פאַר גנבים, וואָס רויבן און פאַר כוליגאַנעס, וואָס שטערן די מענטשלעכע רו.

די פאַשיסטן האָבן אין דער פּראַקטיק, ביים דורכפירן זייער פּראָגראַם באַוויזן אַז זייער פּלאַטפאָרם דאָס איז אַ באַזיס פון רויב, מאָרד און אונטערדריקונג. און דאָס דורכפירן זייער פּראָגראַם באַשטייט אין אַ שטרעבונג צו פאַרניכטן די גרעסטע טייל פון דער מענטשהייט, פאַרשקלאַפן מיליאָנען מענטשן און אַליין, זיי, די פאַשיסטן זאָלן ווערן הערשער. לויט אונדזער דערפאַרונג פון די 15 יאָר פאַשיסטישער הערשאַפט אין דייטשלאַנד, זיינען די פאַשיסטן ביי אַלע אמתע און ווירדיקע מענטשן, פאַרעכנט אַלס גנבים, באַנדיטן און כוליגאַנעס, ד. ה. פאַר אַזעלכע פאַרשווינען פאַר וועלכע עס איז דאָ נאָר איין אָרט, אפילו אין אַן עכט פרייער דעמאָקראַטישער מדינה, דאָס אָרט איז: אייביקע תפיסה.

און איך זאָג ווייטער: אויב פון די אַלע עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען, וואָס מוזן געדולדעט און טאָלערירט ווערן, ווייל זיי פאַרנעמען זיך נאָר מיט פרייער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פון זייערע אידייען, זעען זיך סמנים פון באַנדיטיזם, גנבה, שאַנ־טאַזש און כוליגאַנעריי — מוז אַזאַ פּאַרטיי צעטריבן ווערן, צוליב דער מאָראַלישער און עטישער רו און וואוילשטאַנד פון דער מענטשהייט.

8.

מענטש און לעבן

דער פּרינציפּ אין לעבן דאַרף זיין: „ווער עס אַרבעט ניט, דער עסט ניט״. דאָס לעבן האָט אונדז אָבער באַוויזן, אַז דער וואָס אַרבעט, דער עסט ווייניק און שלעכט. און נאָך אַ פּרינציפּ אין לעבן דאַרף זיין: „לעב אַליין און לאָז אַן אַנדערן אויך לעבן״. איך וויל, אַז דער מענטש, דער אינדיווידום זאָל זיך פילן אין זיין לעבן אַזוי פריי ווי אַ פויגל. עס טאָרן מער ניט געדולדעט ווערן אַזעלכע פאַלן, ווי עס ווערן פּראַקטיצירט אין אייניקע לענדער (צ. ב. אין סאָוועטן־רוסלאַנד), ווען מען קען אַ מענטשן נעמען און איינזעצן אין תפיסה, נאָר דערפאַר ווייל עס איז דאָ אויף אים אַ חשד, נאָר דערפאַר ווייל זיין אויסזען אָדער זיין אויפירונג רופט אַרויס פאַר־דעכטיקייט.

איך זאָג : יעדער מענטש איז גוט, ערלעך, פיין און אָנשטענדיק. מען דאַרף ניט פרעגן פון וואָס ער לעבט, ווי אַזוי ער לעבט און פון וואַנען ער נעמט צום לעבן. אויב ער לעבט האָט ער דאָך אַ געוויסע באַזע פאַר עקזיסטענץ. אָפּגעבן עמיצן אַ דין־וחשבון פון וואַנען ער האָט זיך די באַזע געשאַפן דאַרף ער ניט.

אַ גנב איז דער, ווען מען כאַפּט ביי אַ גנבה. אַ רויבער איז דער, ווען מען כאַפּט ביי אַ רויבונג. אַ באַנדיט איז דער, ווען מען כאַפּט ביי הרגענען מענטשן. אַן אַפּעריסט איז דער ,ווען מען כאַפּט ביים אָפּנאַרן אַ מענטשן. אַ ראַסן־העצער איז דער, ווען מען כאַפּט ביים אונטערהעצן איין ראַסע, איין פאָלק, אָדער איין נאַציע קעגן דער אַנדערע. אַ רעגירונגס־פאַרברעכער איז דער, ווען מען כאַפּט ביים אַגיטירן צו נעמען געווער אין האַנט אויף אָראָפּצוואַרפן די עקזיס־טירנדיקע מאַכט. אַ מלחמה־אונטערצינדער איז דער, ווען מען כאַפּט ביים רופן מלחמה־האַלטן קעגן אַ שוואַך פאָלק און קליינער מדינה.

אַזעלכע איבערגערעכנטע פאַרברעכער קומט תפיסה.

אָבער אויב מען האָט די מענטשן ניט געכאַפּט ביי קיין פאַרברעכערישער טעטיקייט, אויב ביי עמיצן איז נאָר דאָ אַ חשד אָן שום פאַקטישע באַווייזן, טאָר מען אַזאַ מענטשן ניט אַרעסטירן. איך שעץ הויך דאָס לעבן און דאָס וואָרט מענטש, קלינגט פאַר מיר שטאָלץ. דאָס לעבן קען זיין שיין און איך וויל ניט, אַז מענטשן זאָלן עס מיעוס מאַכן. דער מענטש קען זיין גוט און איך וויל ניט, אַז דאָס לעבן זאָל אים שלעכט מאַכן. זאָל דער מענטש לעבן ווי ער וויל און ווי אַזוי ער וויל. זאָל מען אָפּשאַפן יעדער גרענעץ און יעדער צוואַנג און דאַן וועט דער מענטש ווערן גוט און דאָס לעבן וועט ווערן שיין.

אַ ייד זאָגט אַ ווערטל : „מען אַנטלויפט ניט פון ברויט און מען פאָרט ניט זוכן קיין שטיינער״ . . . אין דעם ליגט אַ טיפער זינען. זאָלן די רעגירונגס־מענער, וואָס האָבן איינגעשטעלט גרענעצן פון לאַנד צו לאַנד, איינגעפירט וויזעס און קוואָטעס זיך גוט אַריינטראַכטן אין דעם ווערטל, וועלן זיי זעען, אַז אָפּשאַפן די עמיגראַציע־כוואַליע קען מען ניט מיט פאַרבאָטן, מיט איינפירן קוואָטעס און מיט אויפשטעלן שטרענג־באַוואַכטע גרענעצן. אָפּשאַפן און אָפּשטעלן די עמיגראַציע־כוואַליע קען מען נאָר מיט געבן אַ מעגלעכקייט, אַז יעדער מענטש אין זיין לאַנד זאָל גרינגער פאַרדינען זיין שטיקל ברויט. אָ, דאַן וועט מען ווייניקער עמיגרירן פון איין לאַנד אין צווייטן.

אַנטיסעמיטן האָבן אויסגעטראַכט אויף די יידן, אַז זיי זיינען אַ „וואַנדער־

פאָלק״, אזא וואנדער־פאָלק, ווי די ציגיינער. עס איז אַ ליגן. יידן זיינען אַמוויי־ניקסטן אַ וואנדער־פאָלק. ווען דער ייד האָט ברויט צו זאַט, רו און פרידן, זיצט ער אויף אַן אָרט, וואנדערט ער ניט. — דאָס זעלבע איז אויך מיט אַנדערע פעלקער, מיט אַנדערע מענטשן.

זאַטקייט, פרייד, פרידן — דאָס וויל יעדער אַרבעטער, פויער, יעדער קליינהענדלער. גיט דער מענטשהייט זאַטקייט, פרייד און פרידן, אָט דאַן און נאָר דאַן וועלן ניט זיין קיין גרויסע וואנדערונגען און עמיגראַציעס פון איין לאַנד צום אַנדערן און עס וועלן אויך דאַן ניט זיין קיין אויפשטאַנדן, קיין בונטן מיט קיין באָלשעוויסטישע און פאַשיסטישע רעוואָלוציעס.

* * *

דער מענטש און דאָס לעבן איז אַ ניט צערייסבאַרע איינהייט. עס קען זיין אַ לעבן אויף דער וועלט אפילו אָן דעם מענטשן. מיר קענען זיך פאָרשטעלן אַ לעבן פון בלויזער נאַטור, אַ לעבן וואָס בליט מיט פאַרשידנאַרטיקע מיליאָנען מינים געוויקסן, אַ לעבן וואָס ווימלט און גריבלט מיט אומצאָליקע סאָרטן ווילדע חיות, אַ לעבן וואָס איז אַ מיש־מאַש פון מיליאַרדן אינזעקטן אין דער לופט און פיש אין די וואַסערן. — און דאָך . . . אָן דעם מענטשן איז דאָס קיין לעבן ניט.

נאָר מיטן קומען פון דעם מענטש אין דער נאַטור, האָט דאָס לעבן אויף דער וועלט זיך אָנגעהויבן צו פירן ניט נאָר לויט די געזעצן פון דער נאַטור, נאָר אויך לויטן פאַרשטאַנד און דעם באַוואוסטזיין פון דעם מענטש.

דער מענטש האָט דורכגעמאַכט אין לעבן פאַרשידענע פעריאָדן ביז ער איז צוגעקומען אויף דער שטופע אויף וועלכער ער געפינט זיך ביים היינטיקן טאָג.

וויסנשאַפטלעכע פאָרשער פאַרנעמען זיך מיט דערלערנען די אַלע פעריאָדן פון דעם מענטשן, פון זיין באַגינען ביז היינטיקן טאָג. מיר, אָבער, דאַרפן בלויז אַנאַליזירן דעם היינטיקן מענטש און דעם לעבן אַזוי ווי ער שטייט און גייט היינט צו טאָג.

מיין מיינונג, — דער אַדאַמיסטישער שטאַנדפונקט — איז:

אַ מענטש דאַרף מען באַטראַכטן, אורטיילן און שעצן לויט זיין צושטאַנד און אויפירונג פון איצט . . .

מען טאָר דעם מענטשן ניט מאַכן קיין פאָרוואורפן פאַר זיינע זינד פון אַמאָל (איבערהויפּט פאַר יוגנט־זינד).

מען טאָר אויך דעם מענטשן ניט איבערשאַצן פאַר זיינע גוטע טאַטן פון אַמאָל.

עס איז זייער שעדלעך ווען מען הויבט אָן באַטראַכטן, אורטיילן און שעצן אַ מענטשן לויט דעם וואָס עס דוכט זיך, אַז ער וועט אין דער צוקונפט זיין.

פאַר אַלץ איז דאָ צייט. גוטע און פילבאַרע מענטשן לעבן מיט דער צייט.

ווען אַ מענטש האַלט זיך זיין גאַנץ לעבן ביי איין מיינונג, ביי איין פּרינציפּ, ביי איין אידעאַל, מיינט דאָס נאָך ניט, אַז ער איז אויף אַלע הונדערט פּראָצענט גערעכט.

פילבאַרע און גוטע מענטשן בייטן אָפט זייערע מיינונגען, פּרינציפּן און אידע־אַלן, זיי בייטן אויף נייע און קומען אָפט צוריק צום אַלטן. דאָס מיינט, אַז זיי זוכן בעסערס, און אויב אָנשטאָט דעם בעסערן געפינען זיי ערגערס — דאַן קומען זיי צוריק צום אַלטן.

זייער אָפט בלייבן אַזעלכע מענטשן הויל, אויסגעליידיקט, פון דעם נייעם זיינען זיי אַוועק און צו דעם אַלטן קענען זיי זיך ניט צוריקקערן. אַזעלכע מענטשן זיינען אין אַ צושטאַנד פון שטענדיקער זוכעניש . . . אָבער ווען מען זוכט געפינט מען ! די מענטשן וועלן סוף־כל־סוף געפינען דעם אמת, וועלכער וועט זיין נאָענט צו זייערע נאָבעלע געפילן.

9.

וועלט און רעגירונג

כמעט יעדער לאַנד האָט זיך איר רעגירונג. יעדער רעגירונג האָט זיך איר באַזונדערע פאָרם פון רעגירן, אַ באַזונדערן רעזשים און אַ באַזונדערע אָרדענונג. עס זיינען פאַראַן צענדליקער פּאָליטישע סיסטעמען, עקאָנאָמישע סטרוקטורן און געזעלשאַפטלעכע אויפפאַסונגען. אָבער אַלץ איז כמעט אָן דעם ווילן פון דעם גרונט־מענטש, אָן דעם ווילן פון דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג. אין יעדער לאַנד וועט מען געפינען „פאַר" און „געגן" דער הערשנדיקער רעגירונג. איז וואָלט דען ניט בעסער געווען, ווען עס זאָל זיין איין רעגירונג אויף דער גאַנצער וועלט? ד. ה. אַ רעגירונג פון אַ דעמאָקראַטישן וועלט־מאַסשטאַב ! . . .

איך זאָג: מען דאַרף איין רעגירונג אויף דער גאַנצער וועלט, איין עקאָנאָמיק אויף דער גאַנצער וועלט און איין וואַליוטע אויף דער גאַנצער וועלט.

וואָס וועט דאָס געבן, וואָס ווילן מיר געווינען מיט דעם?

— זאַטקייט!

— פרייד!

— פרידן!

נו, וועט מען פרעגן, און די אַמביציע פון אייגענער נאַציאָנאַלער אויסלע־בונג, אויפלעבונג אין מלוכישקייט? ...

איך זאָג: דאָס אויך. איך וויל, אַז עס זאָל זיין איין וועלט־רעגירונג מיט נאַציאָנאַלע אַדמיניסטראַציעס אויף די ערטער, אין די לענדער, פּראָווינצן און געגנטן. איך זאָג: איין גרויסע וועלטלעכע קולטור, מיט פיל טויזנטער נאַציאָנאַלע קולטורן, וואָס זיינען געקניפּט און געבונדן צווישן זיך. דאָס איינציקע, גרויסע, מעכטיקע דאַרף באַשיינען די טויזנטער קליינע, שוואַכע. עס מוז ווערן איין וועלט מיט איין רעגירונג. דער מענטש דאַרף זיין אַ וועלט־בירגער. ווען איך זאָג, אַז דער מענטש דאַרף זיין אַ וועלט־בירגער, מיינט דאָס אָבער ניט, אַז דער מענטש דאַרף פאַרגעסן אין זיין נאַציאָנאַלער היים און אין זיין נאַציאָנאַלן אַרום. יעדער מענטש דאַרף זיין אַ הייסער פּאַטריאָט פון זיין נאַציאָנאַלער געשיכטלעכקייט און נאַציאָנאַלער סביבה און איינצייטיק זיין אַ וועלט־בירגער. ליב־האָבנדיק די איינציקע וועלט־קולטור מיט דער איינציקער וועלט־שפּראַך, דאַרף דער מענטש אויך ניט פאַרגעסן זיין אייגענע נאַציאָנאַל קולטור און נאַציאָנאַלע שפּראַך.

עס דאַרף איינגעפירט ווערן אַ ביאָ־סיסטעם אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון יעדער לאַנד און פון דער גאַנצער וועלט. האַנדל, אַרבעט, אונטער־נעמונג און אינדוסטריע דאַרף אין איינער און אין דער זעלבער צייט זיין אי אין די הענט פון דער רעגירונגען אויף די ערטער, וועלכע דאַרפן זיין פאַראייניקט אין איין וועלט־רעגירונג, — אי אין די הענט פון פּריוואַטע מענטשן. איינצייטיק און האַנט ביי האַנט דאַרף אין דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן זיין טעטיק רעגירונגס־קאַפּיטאַל און פּריוואַטער קאַפּיטאַל. יעדער מענטש, וואָס נויטיקט זיך אין אַרבעט און באַשעפ־טיקונג איז פריי לויט זיין אייגענעם אויסוואַל צו אַרבעטן אין אַ רעגירונגס־אונטער־נעמונג אָדער אין אַ פּריוואַטער אונטערנעמונג.

פּריוואַטע אייגנטום, פּריוואַטער קאַפּיטאַל און פּריוואַטע אונטערנעמונג מוז בלייבן הייליק און אומבאַרירבאַר. מיט גוואַלד טאָר דאָס קיין שום רעגירונג ניט

צורויבן. אַ רעגירונג קען נאָר אַליין שאַפן פאַרשידענע אונטערנעמונגען, און קאָנ־קורירן מיטן פּריוואַטן קאַפּיטאַל.

אַ פּריוואַטער מענטש, וואָס האָט קאַפּיטאַלן דאַרף האָבן אַ מעגלעכקייט פריי צו אינוועסטירן זיינע קאַפּיטאַלן, וואו נאָר און ביי וואָס ער וויל. אַ פּריוואַטער מענטש, וואָס האָט אָבער ניט קיין קאַפּיטאַלן, זיינע קאַפּיטאַלן זיינען, זיינע אַרבעטס־הענט, זיין פאַך און פּראָפעסיע, זיין קלוגער קאָפּ, זיין טאַלאַנט און זיין בילדונג. אַזא פּריוואַטער מענטש מוז ווערן פאַרזיכערט פון דער נייער וועלט־אָרדענונג, וועלכע איך באַצייכן אַלס אַ „ביאָ־סיסטעם" מיט אַ רעספּעקטירטער און זאַטער עקזיסטענץ.

די „ביאָ־סיסטעם", אַ סיסטעם פון פּריוואַטע און רעגירונגס־אונטערנעמונגען, וועט דאַרפן געבן אַ מעגלעכקייט דער מענטשהייט צו לעבן פרייער און סאָציאַל־עקאָנאָמיש פאַרזיכערטער. און כדי אויסצוראָטן די שטענדיקע קללה פון אונדזער לעבן־שטייגער, די אַרבעטסלאָזיגקייט, דאַרף יעדער מענטש פאַרזיכערט ווערן מיט צוויי מינים אַרבעט: מיט אַרבעט לויט באַרוף און מיט אַרבעט לויט באַדערפעניש. ווען אַ מנעטש האָט ניט קיין אַרבעט לויט זיין ליבן באַרוף, מוז דאָך שטענדיק פאַר אים זיין געזיכערט אַן אַרבעט לויט באַדערפעניש, ד. ה. אַ וועלכע עס איז ניט איז אַרבעט, ביי וועלכער דער מענטש זאָל קענען פאַרדינען אויף צו מאַכן אַ לעבן.

10.

משפּחה און לעבן

דאָס שענסטע ביים ציוויליזירטן און גוטן מענטשן, איז זיין משפּחה. אַ מענטש דאַרף שטרעבן צו האָבן אַ גרויסע און פאַרצווייגטע משפּחה מיט פיל קינדער, מיט פיל פריינט און קרובים. דאָס איז אָבער אַלץ מעגלעך ביי בעסערע לעבנס־באַדינ־גונגען, ווי איצט.

עס עקלט פון אַ פרוי וואָס זאָגט, אַז זי האָט ניט קיין געדולד צו קליינע קינדער און אין דער זעלבער צייט האָט זי שוין צופיל געדולד צו פלעגן, זיך אומשלעפּן און זיך אַמוזירן מיט אַ הינטל.

אַן אַלטער בחור איז ענלעך צו אַ טרוקענעם, אַלט־געבאַקענעם ברויט, וואָס ניט יעדער איינער קען פאַרדייען. אַן אַלטע מויד האָט אַן אויסזען פון אַ אויסגע־

דאַרטער ליליע. פאַרזעסנקייט קומט שטענדיק פון צופיל זוכן און פון וועלן מאַכן דאָס אוממעגלעכע פאַר מעגלעך.

וואָס דאַרף ליגן אין גרונט פון מאַן און ווייב ? — איך זאָג : סימפּאַטיע . . . ווען עס איז דאָ סימפּאַטיע קען אויך זיין ליבע. ווען קיין סימפּאַטיע איז ניטאָ, איז די ליבע, ווי אַ שטרוי, עס גיט אַ פלאַם און עס בלייבט אַביסעלע אַש . . . ליבע קען געדויערן אַ טאָג, צוויי, אַ יאָר, צוויי און אַמאָל אַ גאַנצע אייביקייט. אָבער אָן סימ־פּאַטיע איז קיין שום צוזאַמענלעבן פון אַ ע ר און אַ ז י ניט מעגלעך.

דער לעבן־־שטייגער, מוז זיין איינפאַך און שיין. אַ פּאָר פּאָלק מוז זיך קענען פאַרליידן איינס דאָס אַנדערע. די כאַראַקטערן מוזן זיין צוגעגנגלעך. און פּונקט, ווי עס איז ניט גוט ווען מען לעבט אָפּ אַ קורצע צייט צוזאַמען און מען צעגייט זיך. (מערסטן טייל, ווייל די כאַראַקטערן זיינען אויף אַזויפיל פאַרשידנאַרטיקע, אַז איי־נער דעם אַנדערן דולדעט ניט. — אָפּט מאָל אויך דערפאַר, ווייל סעקסועל פּאַסט מען זיך ניט צו), אַזוי איז אויך ניט גוט ווען מען צווינגט זיך צוזאַמענלעבן כאָטש עס איז שווער, עס גייט ניט, זס קלאַפּט ניט, מען קריגט זיך, מען פאַרשטערט זיך דאָס לעבן און מען דערציט פאַרביטערטע, נערוועזע און דערשלאָגענע קינדער.

איך זאָג : איידער לעבן און זיך מוטשן, — בעסער זיך געטן.

דאָס פאַמילע־לעבן דאַרף זיין אַ שיינס, אַ באַקוועמס און רעלאַטיוו אַ גליקלעכס. קיין אַבסאָלוט גליק איז ניטאָ און לעבערלעך איז דער מענטש, וואָס זוכט עס.

אַ פרוי מוז שטענדיק זיין די פליגל פאַר איר מאַנס פאַנטאַזיע און שוואונג. זי דאַרף זיך באַמיען ניט זיין אים קיין שטיין אויפן האַלדז. נאָר ווען די פרוי גיט צו מוט דעם מאַן, נאָר דאַן קען ער לייכטער טראָגן דעם שווערן עול פון פּרנסה.

אַ דורכשניטלעכע פרוי דאַרף זיין אַ גוט ווייב און אַ גוטע מוטער. אַ טאַלאַנ־טירטע פרוי דאַרף אַרבעטן, דערביי מוז זי אָבער שטענדיק פאַרגעדענקן, אַז די נאַטור האָט איר באַשאָנקען מיט צאַרטקייט, שיינקייט און האַרציקייט.—די פרוי קען מערער טאָן גוטס פאַר דער מענטשהייט, ווי דער מאַן. און ווען זי פילט אויס די גרעסטע, דערהויבנסטע און טאַלאַנטירסטע אַרבעט, טאָר זי ניט פאַרגעסן אויף קיין איין מינוט, אַז זי איז באַרופן פון דער נאַטור צו זיין אַ פרוי און אַ מוטער.

דער מאַן מוז אָבער שטענדיק קענען שעצן אין דער פרוי זיין לעבנס־חבר.

נאָר אַזוי און ניט אַנדערש דאַרף פאַרשטאַנען ווערן די משפחה און דאָס לעבן. דאָס צוזאַמענלעבן פון פּאָר־פּאָלק, נאָר לויט אַ מאַטעריעלע אויסרעכענונג איז אַ שעדלעכע נידערטרעכטיקייט, וואָס גיט אַ נעגאַטיוון רעזולטאַט און ווידקט

שלעכט אויפן כאַראַקטער פון וואַקסנדיקן דור. אויך פּאָליגאַמיע איז ניט קיין דער־לאָזבאַרע דערשיינונג ביי דעם וואָס וויל מיט שטאָלץ טראָגן דעם נאָמען מענטש.

11.

קולטור און טעכניק

דער סכום מענטשלעכע שאַפונגס־ווערטן פון פיל דורות אויפן געביט פון געשיכטע, פילאָזאָפיע, פּעדאַגאָגיק, וויסנשאַפט, רעליגיע, ליטעראַטור, מוזיק, טעאַטער, מאַלעריי א. א. וו. שאַפן די מענטשלעכע קולטור.

דער סכום מענטשלעכע שאַפנגס־ווערטען פון פיל דורות אויפן געביט פון בויאונג, באַוועגונג, מאָס און וואָג א. א. וו. שאַפן די מענטשלעכע טעכניק.

קולטור און טעכניק זיינען די מענטשלעכע אוצרות, וואָס האָבן געשאַפן דעם באַזיס פאַר דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. די ציוויליזאַציע, אָבער האָט אָפּגע־טאָן אַ שפּיצל דער מאָדערנער קולטור און טעכניק, זי האָט, זי, די קולטור און טעכניק, פאַרוואַנדלט אין אַ באַגרעבער פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. די פאַקטן פון בויען מעכאַניזירטע אויוונס און גאַז־קאַמערן, כדי צו פאַרניכטן מיליאָנען מענטשן בעת היטלערס הערשאַפט, ווי אויך די דערפינדונג פון דער אַטאָם־באָמבע צוליב מלחמה־צוועקן, זיינען שוין אַ גענוגנדער באַווייז, אַז די קולטור און טעכניק הויבן אָן אין דעם 20 יאָר הונדערט צו דינען ניט דער אַנט־וויקלונג פון דער ציוויליזאַציע נאָר איר פאַרניכטונג. און נאָר דער גוטער ווילן פון מענטשן, נאָר די גוטסקייט פון דער מענטשהייט, קען פאַרוואַנדלען די קולטור און טעכניק צום גוטן פאַר דער וועלט און פאַרן מענטשנס־לעבן.

עס איז מעגלעך, אַז דער דורכשניטלעכער לעבן פון מענטשן זאָל פאַרלענ־גערט ווערן פון 60־70 יאָר אויף 140־150 יאָר. עס איז מעגלעך, אַז די ערד זאָל געבן אַזעלכע גערעטענישן וואָס ביי דער מינימאַלסטער אַרבעטס אָנווענדונג זאָל דאָך זיין אַן איבערפלוס פון אַלע פאַרזיי־קולטורן. עס איז מעגלעך, אַז די אַעראָ־פּלאַנען און אונטער־וואַסער שיפן זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן בלויז צוליב וויסנ־שאַפטלעכע און לוסט־רייזע צוועקן. עס איז מעגלעך צו שאַפן פרידן, זאַטקייט און פרייד פאַר אַלע מענטשן אויף דער גאָרער וועלט.

איך זאָג: אַ קולטור און טעכניק, וואָס שאַפט פרייד און לעבן — אָנער־קען איך.

און אויב די קולטור און טעכניק ווערט אויסגענוצט אויף צו פאַרניכטן, פאַרשקלאַפן און דערנידעריקן דעם מענטשן, וויל איך שוין בעסער לעבן אָן „קולטור און טעכניק".

איך האָף אָבער, אַז די קולטור און טעכניק וועט סוף כּל סוף זיין נאָר פאַרן מענטשן, צוליב דעם מענטשן און לטובות די מענטשן.

12.

שפּראַך

שפּראַך איז נאָר אַ מיטל אויף זיך פאַרשטענדיקן און זיך צונויפרעדן. קיין אַנדער ציל און פונקציע האָט זי ניט. עס קען זיין אַ פּראָגרעסיווע, נאָר אין זין פון אַנטוויקלונג, און אַ רעגרעסיווע שפּראַך. אָבער עס זיינען ניטאָ קיין שיינע און קיין מיועסע שפּראַכן, ווייל ביי יעדער פאָלק איז זיין שפּראַך שיין און הייליק. עס זיינען אויך ניטאָ קיין רעוואָלוציאָנערע און קאָנטראַ־רעוואָלוציאָנערע שפּראַכן, ווייל יעדער שפּראַך קען מען אויסנוצן צו גוטן און צו שלעכטן. דורך יעדער שפּראַך קען מען אַרויסזאָגן די מיועסע, עקלסטע און נידערטרעכטיקסטע ווערטער. און יעדע שפּראַך קען מען אויך אַנטוויקלען צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז מען זאָל דורך איר קענען אויסדרוקן די שענסטע ניואַנסן, די דערהויבנסטע געפילן, אַבסטראַקטע באַגריפן, פילאָזאָפישע אידייען, דיכטערישע בילדער און אַזוי וויטער.

זייער אָפט דרוקט מען זיך אויס: די הייליקע שפּראַך! פאַרשטייט זיך אַז אַ שפּראַך אויף וועלכער אַ פאָלק רעדט, אַ שפּראַך דורך וועלכער אַ פאָלק דרוקט אויס זיינע ווייען און פריידן, אַ שפּראַך מיט וועלכער מען גייט אין קאַמף קעגן שונא, אַ שפּראַך מיט וועלכער מען גייט אויף קדוש השם, אַ שפּראַך וועלכע איז דעררייבערט געוואָרן מיט דער מוטערס מילך, אַ שפּראַך אויף וועלכער אַ מוטער דערציט איר קינד, — אַזאַ שפּראַך איז הייליק ביי יעדער פאָלק.

וואָס־זשע איז אַזוינס שפּראַך?

אַ גרופּע, אַ געמיינדע מענטשן וואָס קענען זיך אויסלעבן אין געוויסע רייד־קלאַנגען און שאַפן דורך די רייד־קלאַנגען געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, זיך פאַרשטענדיקן און צונויפריידן בעת אַרבעטס־פּראָצעסן און האַנדל, שאַפן אַ פּאָעזיע, אַ וויסנשאַפט, איבערזעצן ווערק פון אַנדערע שפּראַכן, — אָט די אַ רייד־קלאַנגען הייסן שׁ פּ ר אַ ך.

עס קענען זיין פאַרשידענע דיאַלעקטן אין אַ שפּראַך. עס איז אָבער ניטאָ אַזאַ פאָלק, וואָס זאָל האָבן אַנשטאָט, אַ שפּראַך אַ זשאַרגאָן. עס מעגן זיין אין דער שפּראַך פון אַ פאָלק, ווערטער פון אַ שפּראַך פון אַן אַנדער פאָלק, אַנטלייענע

ווערטער, נאָר אויב אַ גרופּע, אַ געמיינדע מענטשן ריידן מיט די רייד־קלאַנגען, שאַפן, בויען און פירן נאָך דערצו איין אין די רייד־קלאַנגען גראַמאַטישע רעגלען, וואָס ווערן אייגנטלעך פאַר דער גרופּע, געמיינדע מענטשן, — דאַן איז דאָס געוויס אַ שפּראַך.

זשאַרגאָן, דאָס זיינען פאַרשטעלטע און אויסגעטראַכטע רייד־קלאַנגען מיט וועלכע מענטשן באַנוצן זיך צוליב געהיימניספולע צוועקן.

עס קען זיין אַ פאָלק, וואָס זאָל האָבן איין שפּראַך און עס קען זיין אַ פאָלק, וואָס זאָל האָבן עטלעכע שפּראַכן. דאָס ענדערט אָבער ניט דעם עצם פאָלק. דאָס פאָלק בלייבט אַ גאַנצעס און די אַלע שפּראַכן זיינע מוזן געדולדעט, טאָלערירט און געשעצט ווערן. יעדער שפּראַך דאַרף פאַרנעמען זיין בכבודיק אָרט לויט די ליטעראַרישע, וויסנשאַפטלעכע, קינסטלערישע, רעליגיעזע ווערטן און ירושה־אוצרות, וואָס זי האָט געשאַפן, שאַפט און פאַרמאָגט.

יעדע גערעדטע און געשריבענע שפּראַך איז גלייך בארעכטיקט.

אין דער וועלט אָבער, וואָלט באַדאַרפט הערשן און רעגירן נאָר איין שפּראַך. מעגלעך, אַז צוויי שפּראַכן, לאָמיר זאָגן ע נ ג ל י ש און ד ו ס י ש, אויף אַזוי פיל אויף וויפל די צוויי שפּראַכן זיינען פון די גרויסע וועלט־מלוכהס און אין די שפּראַכן זיינען געשאַפן געוואָרן מוסטערן פון קולטור־אוצרות און די מערהייט פון דער קולטורעלער מענטשהייט ריידן און באַנוצן די שפּראַכן. קען זיין, אַז מען וואָלט נאָר באַדאַרפט וואַרפן גורל אָדער באַשטימען אויף אַ וועלט־קאָנגרעס אַ וועלכע (איינע אָדער צוויי) פון די פיל מענטשלעכע שפּראַכן, זאָל ווערן די אַלוועלטלעכע רעגירונגס־שפּראַך.

אויב איך באַהויפּט, אַז עס מוז געשאַפן ווערן איין רעגירונג פאַר דער גאַנ־צער וועלט, מוז פאַרשטייט זיך דאַן שוין הערשן אויך איין שפּראַך.

און וואָס זאָל זיין מיט די איבעריקע שפּראַכן ?

איך זאָג : די איבעריקע שפּראַכן מוזן און דאַרפן עקזיסטירן אויך ווייטער. יעדער מענטש דאַרף פרייער פון אַלץ באַהערשן און ליבן זיין אייגענע, נאַציאָנאַלע, פאָלקס־שפּראַך. דערנאָך מוז ער אויך באַהערשן די וועלט־רעגירונגס־שפּראַך. דער מענטש האָט ניט די ווערט צו טראָגן דעם שטאָלצן נאָמען מענטש, אויב ער וויל נאָר קענען די רעגירונגס־שפּראַך און וויל ניט קענען זיין אייגענע, נאַציאָנאַלע, פאָלקס־ און מוטער־שפּראַך.

אויב יעדער פאָלק דאַרף באַנוצן זיין אייגענע שפּראַך און די שפּראַך פון דער וועלט־רעגירונג, וואָלט אָבער ניט געשאַדט, ווען פאַר אַלע שפּראַכן זאָל גע־

שאַפן ווערן איין וועלט־שריפט, די שריפט פון דער וועלט־רעגירונגס שפּראַך. דאָס דאַרף זיין אַזאַ שריפט, וואָס זאָל אין זיך האָבן אַ פאָנעטישן פּרינציפּ און דערביי מוזן ווערן אָפּגעהיט די מאָרפאָלאָגישע געזעצן פון יעדער שפּראַך. מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז די גערעדטע שפּראַך פון יעדער פאָלק האָט געמאַכט גרויסע פאָרשריפטן, אין דער צייט ווען די געשריבענע — איז אָפּגעשטאַנען אויף פיל צענדליקער און הונדערטער יאָרן. כמעט ביי יעדער פאָלק איז דאָ אַ ריס צווישן דער גערעדטער און געשריבענער שפּראַך. מען מוז אין די אַקאַדעמיעס פאָרשן און לערנען דעם אָפּשטאַם און די ענדערונג פון יעדער וואָרט און געדאַנק. עטימאָ־לאָגישע רעגלען דאַרף מען אויך לערנען אין די שולן. אָבער דער שריפט פון יעדער שפּראַך דאַרף מאָדערניזירט ווערן און אַנטשפּרעכן און זיך גלייכן צו דער גערעדטער שפּראַך. הייליקע און אַלטע ספרים דאַרפן געשריבן ווערן, געדרוקט ווערן און געלערנט ווערן אויף זייערע אַלטע שפּראַכן און מיט זייערע אַלטע שריפטן.

אַלזאָ: איך באַהויפּט, אַז אין דער וועלט מוז עקזיסטירן איין רעגירונג מיט איין וועלט־שפּראַך. דערביי דאַרף מען זיך אויף די ערטער אויסלעבן אין דער אייגענער נאַציאָנאַלער, פאָלקס־שפּראַך און אין די אייגענע נאַציאָנאַלע, פאָלקס־טראַדיציעס. די איין־ און איינציקע אַלוועלטלעכע רעגירונגס־שפּראַך וועט מיט זיך איינצייטיק ברענגען אַן אויפבליאונג פון אַלע נאַציאָנאַלע און פאָלקס־שפּראַכן. — דאָס אַלץ וועט באַשיינען, פאַרבעסערן און גליקלעך מאַכן דאָס אינדיווידועלע לעבן פון יעדער מענטשן, ווי אויך די גאַנצע מענטשהייט.

מען מוז אָבער שטענדיק אין זינען האָבן, אַז שפּראַך איז אַ מ י ט ל און אין קיין שום פאַל נ י ט קיין צ י ל. אַ דאַנק שפּראַך, קענען מיר דערוווערבן אַן אידיי, אָבער שפּראַך אַליין, איז נ י ט קיין אידיי. שפּראַך, קען ווערן אַן אידיי, נאָר ווען מיר זאָלן שטרעבן צו איין שפּראַך פאַר אַלע מענטשן.

13.

רעלאַטיוו און אַבסאָלוט

אַלץ אין דער נאַטור, ווי אויך אין דעם מענטשנס לעבן איז רעלאַטיוו. קיין אַבסאָלוטע געזעצן זיינען ניטאָ. אַלץ וואָס עס ווערט אַבסאָלוט, איז רעאַקציאָנער, קאָנסערוואַטיוו און דעספּאָטיש.

די אידעאַליזירונג פון מיינע געדאַנקען און שטרעבונגען איז אַ רעלאַטיווע. עס איז מעגלעך צו דערפירן די וועלט צו אַ צושטאַנד פון גוטסקייט פאַר יעדער מענטשן באַזונדער און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט בכלל. אָבער די רעזולטאַטן וועלן שטענדיק זיין רעלאַטיווע, ווייל ווען עס איז גוט, קען זיין נאָך בעסער.

איך זאָג: שטרעבט ניט צו קיין אַבסאָלוטקייט, איר וועט עס ניט געפונען. שטרעבט צו רעלאַטיווקייט, ד. ה. צו אַ פרידלעך, זאַט און פריידיק לעבן. ווען איר וועט דאָס אויסקעמפן, דאַן וועט איר האָבן דאָס רעלאַטיווע גליק פאַר וועלכן דורות מענטשן שלאָגן זיך.

מענטשן, מיר שטאַמען אַלע פון אדם'ן. די טויזנט־יאָריקע קריג פון מענטשן מיט מענטש גייט אָן איצט אַזוי ווי אַמאָל מיט דעמאַגאָגישע לאָזונגען און אונטער פאָנען פון פאַרשידענע קאָלירן און פאַרבן מיט פאַרשידענע עמבלעמען. די פאָן, די רויטע, וואָס איז באַשפריצט מיט בלוט פון אַרבעטער, פויערים, אָרימעלייט און מיטל־קלאַס — די רויטע פאָן איז פאַרשמוצט און טמאה געוואָרן פון אוואַנטוריסטישע „פירער" און שאַנטאַזשיסטישע „פּאָליטיקער".

איך זאָג: רופן זאָלן מיר רופן, אַלע מענטשן, צו דער נייער פאָן, צו דער ווייסער פאָן מיט דעם רעגן־בויגן אין מיטן, צו דער פאָן וואָס דינט אַלס סימבאָל פון שלום אויף דער וועלט, פון אייניקייט צווישן מענטשן, פעלקער, נאַציעס, רעליגיעס און רעגירונגען, און פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ, קאַמף פאַר אַ פרידלעך, זאַט און פריידיק לעבן, קאַמף פאַר אַ וועלט־בירגער און אַ וועלטרעגירונג, קאַמף פאַר אַלץ וואָס קען ברענגען גוטס דעם מענטשן.

און דאָס אַלץ וועט זיין אַ רעלאַטיווע באַפרידיקונג פון אַ רעלאַטיווער דערגרייכונג. — דאָס איז אָבער ג ו ט ס.

עס עקזיסטירן ניט קיין אַבסאָלוטע אמתן. אַלע די, וואָס רופן די מענטשן צו „זייערע" אמתן, זיי נאַרן און פאַרפירן. — דאָס איז ש ל ע כ ט ס.

מ ע נ ט ש, קלייב אָפּ דאָס גוטע רעלאַטיווע, פון דאָס שלעכטע אַבסאָלוטע.

14·

אדאמיזם

יעדע לערע און שיטה האָט אין זיך די ענדע, דעם סופיקס „יזם״. עס זיינען פאַראַן: אידעאַליזם, פּראַקטיציזם, רעאַליזם, נאַטוראַליזם, קאָסמאָפּאָליטיזם, מאָנאַרכיזם, אַנאַרכיזם, שאָוויניזם, אימפּעריאַליזם, סאָציאַליזם, קאָמוניזם, פאַשיזם, דעמאָקראַטיזם א. א. וו. און צו אַלע די אָ „יזם״עס קומט צו נאָך אַ „יזם״: א ד א־מ י ז ם. אין גרונט פון דער שיטה איז דער מענטש, נאָר דער מענטש און טאַקע דער מענטש.

די גוטסקייט פון מענטשן שאַפט די גאָטהייט. נאָט איז די גוטסקייט אין אַלע פאָרמען, אויף אַלע געביטן און אין אַלע הינזיכטן. ניט דורך הרגענען איין מענטש דעם צווייטן וועלן מיר קומען צו אַ בעסער לעבן, ניט דורך פאַרניכטן די רייכע וועלן מיר פאַרבעסערן אונדזער לעבן. ניט דורך קלאַסן־קאַמף וועלן מיר זיך דערשלאָגן צו אַ בעסער לעבן, — נאָר דורך עקזיסטענץ־קאַמף, דורך דערציען, אַגיטירן און פּראָפּאַגאַנדירן די מענטשן, אַז זיי זאָלן טאָן גוטס און זיי זאָלן קעמפן קעגן יעטוועדער שלעכטס. מען דאַרף דערפירן דעם מענטשן צום פולן באַוואוסטזיין, וואָס דאָס רעלאַטיווע גוטע באַדייט פאַר איין מענטשן און פאַר אַלע מענטשן, אַז דאָס באַטייט: אַלע מענטשן זיינען צווישן זיך גלייך, יעדער מענטש ווערט געבוירן אַ נאַקעטער און אַז עס קומט די צייט צו שטאַרבן, נעמט ער גאָרניט מיט זיך מיט „אויף יענער וועלט״ פון דעם אַלץ, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט דאָ, אויף דער וועלט. די גאַנצע וועלט געהערט דעם מענטשן און דער מענטשש איז אַ בירגער פון דער גאַנצער וואַלט. דער מענטש איז פריי צו גיין, פאָרן און פליען איבער דער גאַנצער וועלט. ניט דער מענטש איז באַשאַפן צוליב עמיצנס פאַרגעניגן, נאָר אַלע פאַרגעניגנס זיינען באַשאַפן צוליב דעם מענטשן. יעדער מענטש מוז אַרבעטן, אָבער נאָר לויט זיינע כוחות.

די ווירדע פון מענטשן, זיין נאַטירלעכע, איינגעבוירענע רעכט אויף פרייהייט און וואוילזיין, מוז שטיין איבער אַלע טעאָריעס און אידעאָלאָגיעס און איבער אַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע סיסטעמען.

צווייטער טייל

די פאָלקסטימלעכע פילאָזאָפיע פון דעם דראַמאַטישן פּראָבלעם

„זאָג דעם מענטשן, אַז ער איז גוט
און ער וועט ווערן גוט".
„דאָס וואָרט מענטש, קלינגט שטאָלץ"
אַל־רעספּעקט פאַר דעם מענטשן,
ווייל ער איז בלויז עטוואָס
קלענער פון גאָט".

15.

דער מענטש און דער אוניווערזיום

לאָמיר באַטראַכטן דעם אַדאַמיזם מיט דער קלאָרקייט פון דעם טאָג־טעגלעכן, פּראָסט־פּשוטן מענטשן, פון דעם מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר, דעם מענטשן מיט זיינע וואָכן און פריידן, מיט זיינע שבתים און יום־טובים, מיט זיינע קאָמעדיעס און טראַגעדיעס און מיט זיין גאַנצן אַרום, וואו עס קאָכט זיך ווי אין אַ זודיקן קעסל און וואו עס דרייט זיך ווי אין אַ קאַראַהאָד . . .

צו וואָס לעבט דער מענטש, צו וואָס שטרעבט ער, און פאַר וואָס קעמפט ער ?

דער מענטש לעבט צוליב די זעלבע אורזאַכן, וואָס עס לעבט דער גאַנצער אוניווערזיום, דער הימל און די ערד און אַלץ וואָס אויפן הימל און אויף די ערד.

דער מענטש שטרעבט צו דעם זעלבן, צו וואָס עס שטרעבט אַלץ, וואָס עס איז דאָ אין גאָטס נאַטור, צו אייביקייט, צו שיינקייט, צו זאַטקייט, צו ליבע, צו גוטסקייט און רחמנות.

דער מענטש קעמפט, ווי אַלץ אין דער נאַטור, פאַר עקזיסטענץ.

אין פאַרגלייך מיט דעם גאַנצן אוניווערזיום איז דער מענטש קליין. אַלץ דרייט זיך, באַוועגט זיך, און ענדערט זיך פון געוויסע סיבות און נאַטור־דערשיי־נונגען. יעדער באַזונדערע זאַך אין דעם קאָסמאָס האָט איר פונקציע. יעדער באַ־זונדערע זאַך אין גאָטס וועלט טוט עפּעס, נאָר דענקט ניט. אָבער דער מענטש,

ער איז די איינציקע זאך אין גאטס וועלט, וואס קען ש א פ ן און קען ד ע נ ק ע ן. און דערפאר: רום צו דער דענקענדיקער זאך, וואס איז מענטש, וועלכער איז בלויז אן אפשיינונג פון גאט.

יעדער גאטס באשעפעניש האט פארשידענע גלידער. פונקט אזוי האט אויך יעדער אינסטרומענט פארשידענע גלידער. אבער דער מענטש איז די איינציקע באשעפעניש, וואס האט נאך אויסער זיינע גלידער אויך א נשמה. די סטרונעס פון דעם מענטשנס נשמה געבן ארויס ניט נאר קלאנגען נאר אויך פארבן און עפעקטן. ניטא אזא שמערץ און ניטא אזא פרייד וואס די מענטשנס נשמה זאל ניט ארויסברענגען. די מענטשנס נשמה איז געגליכן צו אן ארקעסטער און עס ווענדט זיך אין דעם ווער עס דיריזשירט מיט דעם ארקעסטער און ווער עס קוועטש מיט די פינגער אויף די קלאווישן פון דער פיאנא, ווער עס פירט מיטן סמיטשיק איבער די צארטע פידל־סטרונעס און ווער עס פויקט מיט כוח ווי מען פויקט אין א מיליטערישן פויק.

יא, אפט באצווינגט מען דעם מענטשנס נשמה . . . דעם מענטשנס נשמה ווערט באצוואונגען פון די וועלכע לאזן דעם מענטשן ניט זיין פריי.

עס זיינען פאראן הונדערטער פארטייען, און די „אידייען” און די פאליטיק פון די פארטייען דאמינירן איבער די מענטשן. די פארטיי איז געווארן דער עיקר, דער יסוד, און דער מענטש איז געווארן גארניט. פאר דער פארטיי איז מען זיך מקריב און דער מענטש ווערט מיט די פיס צעטראטן. די מערסטע פארטייען געבן פון זיך ארויס פארגרעבטע דיקטאטארס, וועלכע דערקלערן זיך פאר „פירער” און זיי רופן צו די נאאיווע מענטשן: „קומט, לאמיר בויען א שטאט און א טורעם מיט זיין שפיץ אין הימל!”.

און פונקט ווי אין דעם ביבלישן בבל, אזוי אויך איצט, בויט מען טורעמס. מענטשן הארעווען שווער און ביטער, דער מענטש קרעכצט און וויינט פון דעם שווערן יאך. און ווען עס טרעפט א מענטש פאלט, ווערט דערהרגט, נעמען זיך די פארטיי־פירער דאס וויניק צום הארצן. אבער ווען א ציגל גייט פארלוירן, א מאשין ווערט צעבראכן, א פארטיי־לאזונג ווערט ניט אויסגעפילט, א, דאן שטור־רעמט מען וועלטן, מען שרייט, מען וויינט, און מען שלאגט! און מען ליקווידירט...

דאס שווערע און אומגערעכטע לעבן האט געצוואונגען מענטשן צו זוכן נייע פארמען פון לעבן, נייע סאציאלע גערעכטיקייט און נייע אידייען. דער קאמוניזם האט אפשר געשטרעבט פון סאמע אנהויב צו גוטע זאכן און האט אפשר געוואלט גוטס טאן פאר דער מענטשהייט, נאר זייער טאקטיק פון וועלן דורכפירן די „אידיי”

מיט שטורם און קאמף, מיט צוואנג און גוואלדטאט, קעגן דעם ווילן פון דער מענטשהייט האט זיי פון ריכטיקן וועג אראפגעפירט. די גוואלדטאטן האט זיי פארדארבן און שלעכט געמאכט און זיי זיינען פון „אידעאליסטן" אין גרויזאמע באצווינגער פארוואנדלט געווארן.

און איך זאג: נאר מיט גוטס, קען מען שאפן גוטס. קיינער האט קיין שום מענטשן ניט געגעבן קיין רעכט, ווי קלוג ער זאל ניט זיין, צו וועלן טאן „גוטס" פאר דער גאנצער מענטשהייט אן דעם ווילן פון דער מענטשהייט אליין. יעדער מענטש ווייסט אליין וואס ער וויל און וואס אים פעלט. באהויפטן, אז די גאנצע מענטשהייט איז קראנק און נאר דער „פירער" איז דער איינציקער „דאקטאר" צו היילן און צו פאלמעסן איז ניט נאר אן אומזין, נאר א פארברעך. זאל יעדער מענטש פאר זיך אליין דענקען און זארגן, זאל יעדער מענטש זיין פריי מיט זיין ווארט און אין זיין באוועגונג, זאל יעדער מענטש ליבע האבן און רחמנות האבן איינער צום אנדערן, און זאל יעדער מענטש פאר זיין מי באקומען וואס ער דארף, אט דאן און נאר דאן וועט זיין רו און פרידן אויף דער וועלט.

זאגן, אז די רייכע דארפן אנהויבן צו פארשטיין און מיטפילן די ארימע האט געקענט היימן אן אוטאפיע צוריק מיט הונדערט יאר. אבער איצט, נאך די פילע רעוואלוציעס, מלחמות און וועלט־ענדערונגען, איז דער מענטש דער רייכער ווי דער ארימער, שוין מסוגל צו באנעמען און באגרייפן די ווירקלעכקייט. דער אויפקום און אומקום פון פאשיזם צוליב דעם אויפקום (און דעם אומפארמיידלעכן אומקום) פון קאמוניזם, טרייבט דער מענטשהייט צו א נייער לייזונג פון דער סאָציאל־עקאנאמישער וועלט־און־מענטש פראבלעם.. איך גלויב, אז גראד איצט איז רייף געווארן די צייט ווען מענטש מיט מענטש וואלטן געקענט קומען צו אן אויסגלייך אן רעוואלוציעס, נאר אויף א פארלאמענטארן אופן. דער כוח פון די רייכע איז זייער קאפיטאל און דער כוח פון די ארימע איז זייער ארבעט. א פריינטלעכע פאראייניקונג פון די צוויי כוחות וועט שאפן גליק און פרידן אין יעדער הויז און צו יעדער מענטש.

מענטשן זיינען ווי בוימער. מען קען זיי לאזן וואקסן און מען קען זיי אויסהאקן.

ניט מיט כוח, צוואנג און שלעכטס, קען מען א מענטשן אויסבעסערן, נאר מיט מילדקייט, דערציאונג און גוטע טאטן. זאג דעם מענטשן, אז ער איז גוט און ער וועט ווערן גוט.

שיינע און גוטע אידייען נוויטיקן זיך ניט, אז מען זאל זיי מיט גוואלד אין

מענטשנס קאָפּ אַריינקלאַפּן. אַן ערלעכע אידיי וועט מיט דער צייט, מעג דאָס זיין לאַנגזאַם, צום מענטשנס נשמה דערגרייכן. ניט גאָט און ניט דער מענטש פאַרליידן ניט קיין צוואַנג און קיין גוואַלד־טאַט. דער מענטש איז פריי אין זיין דענקען, אין זיין באַנעמען און אין זיין דערקענען די וועלט.

16.

דער מענטש און דער דיקטאַטאָר

דער פאַרצווייפלטער אויסגעשריי: „האָב גאָט אין האַרצן!" אָדער „האָסט ניט קיין גאָט אין האַרצן!" צו „גלויבסט דען ניט אין גאָט?" — באַציט זיך שטענדיק נאָר צום שלעכטן מענטש. אַ גוטער מענטש האָט גאָט אין האַרצן, אַלץ־איינס צו ער איז אַ גלויביקער, צו ניט.

אין דעם לעצטן פערטל יאָר־הונדערט, איז צום גוואַלד־טאַט פון באַצווינגען דעם מענטשנס האַרט לעבן, נאָך אויך צוגעקומען אַ גוואַלד־טאַט פון באַצווינגען דעם מענטשנס האַרט דענקען. מיט דער הילף פון פּראָפּאַגאַנדע פון דער הערשנ־דיקער דיקטאַטור, פון דער פּראָפּאַגאַנדע וועלכע איז די שוועסטער פון דער ב י ט ש און ת פ י ס ה פון דער הערשנדיקער דיקטאַטור, מיט זייער הילף רעדט מען איין מיליאָנען מענטשן, אַז דער פירער פון זייער לאַנד און פון זייער איינציקער פּאַרטיי איז אויך דער פירערע פון דער גאַנצער מענטשהייט, און ער, נאָר איינער איז דער קלוגסטער, דער געבילדעסטער און דער אַלץ־זעענדיקער און אַלץ־וויסנדיקער מענטש.

אָבער יעדער איינער פון אונדז ווייסט דאָך גוט, אַז אַלץ וויסן פאַר איין מענטשן איז אוממעגלעך. דאָס באַהויפּטן אַליין, אַז יענער מענטש ווייסט אַלץ, איז אַ סימן, אַז יענער מענטש ווייסט גאָרניט, אָדער גאָר ווייניק. אונדזער צייט איז ווערט אָנצורופן: „די עפּאָכע פון ספּעציאַליסטן". וואָס דער מענטש איז געלערנטער, אַלץ ענגער און שמעלער איז זיין אויסדערוויילט פאַך אויף וועלכן ער ספּעציאַליזירט זיך. אַ געלערנטער וואָס פּראַקטיצירט אַלץ וואָס עס קומט אים אונטער דער האַנט, איז אין גאָרניט קיין ספּעציאַליסט און ער הערט אויף צו זיין אַ געלערנטער.

אַט דער אַ פּשוטער אמת, איז אויך באַקאַנט צו די דיקטאַטאָרישע פירער. דערפאַר טאַקע האָבן זיי אין זייער פאַרגרעבטקייט, זייענדיק זיכער, אַז אַלע מענטשן זיינען פאַרגרעבט און אַז עולם איז גולם, זיך געהייסן דערקלערן אַלס האַלב־געטער,

אַלס מענטשן וואָס שיינען ווי די זון, אַלס מענטשן וואָס זיינען העכער פון דעם העכסטן באַרג און אַלס פּאַטערס פון דער מענטשהייט.

דאָס ווערט געטאָן איצט, אין 20טן י. ה.

אין דעם גייסט דערציט מען קינדער און אין דעם גייסט צווינגט מען דער־וואַקסענע מענטשן צו לעבן.

צו איז דאָס מיינס אַ פאַנטאַזיע? ניין, דאָס איז די ווירקלעכקייט. דאָס איז געווען אין דעם היטלערס דייטשלאַנד, דאָס איז געווען אין דעם סטאַלינס רוסלאַנד, (איצט אין מאַלענקאָווס־רוסלאַנד) און דאָס איז . . . אַ, אויב עס וועט ווייטער גיין אַזוי, וועט דאָס זעלבע זיין אין אַלע לענדער אין דער גאַנצער וועלט.

דער דיקטאַטאָר איז גאָטלאָז און ער ווייסט גאָר ניט פון קיין דערהויבענע געפילן, ער פאַרשטייט ניט קיין ליבשאַפט, קיין שיינקייט און קיין גוטסקייט. דער דיקטאַטאָר זעט ניט קיינעם אויסער זיך אַליין. אַלץ מוז זיין פול מיט אים זעלבסט. ער איז די „פאָרם" און ער איז דער „אינהאַלט". יעדער מענטש באַזונדער האָט פאַרן דיקטאַטאָר קיין שום ווערט ניט.

17.

חרטה און רחמנות

חרטה, דאָס איז איינע פון די שענסטע מעלות פון דעם גוטן און קלוגן מענטשן. עס זיינען דאָך פאַראַן איינגעשפּאַרטע מענטשן, וואָס ווילן גאָר קיינמאָל ניט אנערקענען זייערע זינד. פאַראַן מענטשן וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי טאָן נאָר גוטס, כאָטש זיי זען מיט זייערע אייגענע אויגן, אַז פון זייער „גוטס", ליידט אַ צווייטער מענטש. אָבער די פּערזאָנען זיינען מיט זיך זיכער און שטאָלץ. זיי שטעלן אַרויס זייער פאַרהאַרטעוועטקייט און זייער פאַרדאָרבנקייט ווי אַ גוט שטיקל סחורה און עס געפינען זיך גענוג נאַאיווע מענטשן וואָס לויבן די „סחורה".

ניט נאָר ליבע, נאָר אויך רחמנות מוז האָבן איין מענטש צום צווייטן. אין אַ צייט פון אימפּעריאַליסטישע רייסערייען, ווען מענטש איז גאָרניט, ווען „פאָטערלאַנד" איז אַלץ, ווען „ציוויליזירטע" דייטשן שעכטן אויס זעקס מיליאָן מענטשן, אָפן, פאַר דער גאַנצער וועלט, ווען „פּראָגרעסיווע" קאָמוניסטן צווינגען אַרויף זייער ווילן אויף דער גאַנצער מענטשהייט, ווען די נייע שנעל־טויט מאַשין, די אַטאָם־באָמבע לויערט און סטראַשעט מיט ענדע און סוף פון דעם מענטשלעכן מין, — אין אַזאַ צייט איז גאָר אפשר וויכטיק צו גרינדן געזעלשאַפטן פון „צער בעלי־אדם", געזעלשאַפטן אויף אָפּצוהיטן דעם מענטש פון

די פאַרניכטער. גוטע מענטשן האָבן שטענדיק אין זינען געהאַט די חיות און פויגל, מען האָט געשאַפן ספּעציעלע „צער בעלי־חיים" געזעלשאַפטן, כדי זיי אָפּצו־היטן פון די פאַרניכטער. אָבער וואו זיינען די גוטע מענטשן, וואָס זאָל וועלן אין זינען האָבן די סתם־מענטשן און זאָלן וועלן אָפּהיטן אַלע מענטשן פון די גרויזאַמע פאַרניכטער?

די וואָס האַלטן די וועלט אין זייערע הענט, האָבן קיין שום רחמנות ניט צו דער מענטשהייט: זיי פאַרניכטן און האָבן ניט קיין חרטה.

דאָס וואָס זיי טוען, איז איין גרויסע מאַניע פון סאַדיסטישער זעלבסט־באַפרידיקונג. זיי רעכענען זיך מיט קיינעם ניט. זיי טאָן נאָר דאָס וואָס זיי געפעלט, וואָס זיי פאַרשטייען און וואָס זיי ווילן. זיי האָבן נאָר איין „היטל" און איין „בעטל" פאַר אַלע מענטשן. זיי ווילן זיך ניט רעכענען, אַז דאָס „היטל" איז גרויס און דאָס בעטל איז קליין. זיי ווילן זיך ניט רעכענען מיט קיין פּריוואַטע מענטש־לעכע אייגנשאַפטן. פיל־פיל „גרויסע" רעגירונגס־מענער האָבן אַמאָל שוין איבער־געחזרט: „דאָס פאָלק, די מלוכה — דאָס בין איך!".

איצט רעוועז שוין ווידער די „פירער": איך! . . .

אָבער מענטשן ווערן דאָך פאָרט אַנדערש. מענטשן ווילן פרייהייט. מענטשן זוכן . . . און דאָס זוכן איז גוט.

דער מענטש וויל גערעכטיקייט. און איך זאָג: איצט איז דאָך די וועלט מיט אַלע אירע שלעכטיקייטן פאָרט ניט סדום. מען קען זיך צונויפריידן, מען קען זיך אויסגלייכן און איינפירן שלום צווישן מענטש און מענטש. מען דאַרף נאָר האָבן מוט צו אַנטפּלעקן אין זיך דעם געפיל פון חרטה אויף דעם שלעכטס, וואָס מען טוט. און דאַן וועט שוין אויך קומען דער געפיל פון רחמנות.

18.

אייניקייט צווישן מענטשן

איך בין זיכער, אַז דאָס גליק וועט קומען, ווייל איך בין זיכער, אַז מענטשן וועלן ווערן בעסער. זיי וועלן אָנהויבן פאַרשטיין און זיי וועלן אין די אַלע פּראָפּאַ־גאַנדע־קלאַנגען קענען אָפּקלייבן דאָס גוטע און אָפּוואַרפן דאָס שלעכטע.

עס מוז געדויערן, עס מוז נעמען צייט, ווייל אַ נייע אידיי גיט זיך ניט גרינג. מען דאַרף דערציען דעם מענטשן צו דער נייער אידיי. ניט דורך פייער און שווערד וועט די נייע אידיי צום מענטשן קומען, נאָר דורך לאַנגזאַמער דערציאונג, דורך

דערקענונג פון גוטע טאטן, גוטע זיטן, גוטן כאראקטער און גוטע צילן. אייניקייט צווישן מענטשן קען ניט זיין לויט א דירעקטיוו פון א וועלכער עס איז פארטיי, אדער לויט א באפעל פון א וועלכן עס איז דיקטאטאר. אייניקייט צווישן מענטשן קען נאר זיין דאן, ווען די מענטשן וועלן אין דער גרעסטער מערהייט רייף ווערן דערצו. און דאן, יא, דאן קען זיך אנהויבן דאס מענטשלעכע גליק.

עס וועט קומען א צייט ווען די מיליאנען און מיליאנען מענטשן וועלן אנהויבן פארשטיין דאס לעבן און די וועלט ניט אזוי ווי זי איז, נאר אזוי ווי זי וואלט באדארפט זיין. זייער גוטער ווילן, זייער אויפריכטיקע ליבע, זייער רחמנות און זייער קלארער פארשטאנד, אז אלע זיינען גלייך און אז פאר אלע איז דא גענוג ערד און זאטקייט און עס איז אן אומזין זיך צו שלאגן און זיך צו רייסן איבער דעם וואס עס איז דא איבער גענוג, אויף דור־דורות און פאר אלעמען, — אט דאס וועט פירן צו אייניקייט צווישן די מיליאנען און מיליאנען מענטשן. עס וועט זיין א באוואוסטזיניקע מאסן־אייניקייט.

פארוואס איז איצט ניט דא אזא אייניקייט?

מען האט געמאכט שווער דאס לעבן און דער מענטש קרעכצט און וויינט, אנשטאט ער זאל זיך פרייען מיטן לעבן. א קוואל פון טרערן איז באהאלטן אין מענטשנס אויגן און איז פארבארגן אין מענטשנס נשמה. די טרערן זיינען שטענ־דיק גרייט צו פארגרינגערן זיין ווייטיק. אבער עס מאכט זיך, אז דער ווייטיק איז אזוי גרויס, אז דער קוואל פון טרערן ווערט אויסגעטריקנט און קיין זאך אין לעבן קען שוין מער ניט קיין טרייסט ברענגען צו דעם מענטשנס צעבראכן הארץ, א, דאן איז דער מענטש אפט אין א צושטאנד, וואס מאכט אים נאך נידעריקער פון א חיה: ווען ער פארגוואלדיקט, הרגעט ער, ווען ער הרגעט, לאכט ער וואנזיניק. עס איז רעוואלוציע נאך א קריג און קריג נאך א רעוואלוציע. עס פלאטערן רויט־בלוטיקע פרייהייטס־פאנען. מען מאכט פאגראמען. און עס איז שוין גלאט ראבע־ווען און הרגענען וויניק, שניידט מען אויף מענטשנס בייכער און מען פילט זיי אן מיט שטרוי. יא, דאס טוען מענטשן מיט מענטשן. איך האב דאס מיט מיינע אויגן געזען אין רוסלאנד, בעת די פעטליורישע פאגראמען פון 1918—1919, ווען קיין פאשיזם איז נאך אויף דער וועלט ניט געווען. דאס זעלבע און נאך ערגער האבן מיט מענטשן געטאן מענטשן־דייטשן, היטלעראוועצעס בעת דער צווייטער וועלט־קריג פון 1939—1945.

און דאך זע איך דעם גוטן מענטשן. שלעכט איז געווארן דער מענטש, נאר ווייל ער האט אין זיין נאאיווער גוטסקייט און פשוטקייט געלאזט זיך איינריידן,

אז ער דאַרף שוין מער ניט טראַכטן און דענקען, ווייל דער „קלוגער פירער" דער „פאָטער־דיקטאַטאָר" טראַכט שוין און דענקט שוין פאַר אים.

זאָל נאָר די וועלט ווערן פריי. זאָל נאָר דער מענטש קענען פריי גיין און פאָרן וואוהין ער וויל. זאָל נאָר דער מענטש קענען פריי זאָגן וואָס ער וויל. זאָל מען נאָר אראָפּוואַרפן און פאַרניכטן די שלעכטע מענטשן, די דיקטאַטאָרס־מאַניאַקן וואָס קרוינען זיך אַלס „פירער", דאָס וועט געבן דעם מענטשן די מעגלעכקייט צו באַשטימען זייער אייגענעם שיקזאַל און זיך פאַראייניקן לויט זייער אייגענעם ווילן אין אַ קאָמונ־וועלט פון איין רעגירונג.

* * *

פאַרשטייט זיך, אַז עס קען קיין רייד ניט זיין וועגן אַן אייניקייט צווישן מענטשן ביז וואַנען עס זיינען דאָ אין די פילאָזאָפיעס, אידעאָלאָגיעס, פּאָליטיקעס און רעליגיעס פאַרביסענע שטרייטן, און אויך ביז וואַנען די מאָדערנע טעכניק און וויסנשאַפט וועט ניט אָנהויבן צו אַרבעטן צום וואוילזיין פון דעם מענטשן אנשטאָט פאַרניכטונג פון מענטשן. ד. ה. עס וועט מוזן קומען צו אַ קאָלאָסאַלן קאָמפּראָמיס אין אַלע געביטן פון מענטשלעכער טעטיקייט.

איך קען דאָ אין דער קליינער בראָשור ניט פאַנאַנדערוויקלען אַלע טעמעס און ניט אַנאַליזירן יעדער געביט פון מענטשלעכער אינטעלעקטועלער און פיזישער טעטיקייט וואָס נויטיקן זיך אין קאָמפּראָמיסן, כדי מען זאָל אַ סוף מאַכן צו שטרייטן, קריגן, רייסערייען און אָנהויבן אַ פרידלעך און זאַט לעבן.

איך וויל דאָ פּרואוון אַרויסרוקן נאָר עטלעכע פּראָבלעמען אַלס ביישפּיל:

וויסן און גלויבן.

וואָס איז אַזוינס וויסן? וויסן איז דאָס וואָס מען פאַרשט, מען לערנט, מען זעט, מען טאַפּט אָן מיט די הענט, מען אונטערזוכט, מען האָט פאַקטישע באַווייזן און מען בילדעט טעאָריעס און סברות . . .

וואָס־זשע איז גלויבן? דאָס וואָס מען פילט מיט דער נשמה, מיטן האַרץ, מיט אַלע חושים א. א. וו.

און ווען מען שמועסט וועגן וויסן און וועגן גלויבן, מוז מען שטענדיק צוקוקן צו דער פּראָבלעם פון גאָט. אַלץ וואָס איז וויסן, האָט צו טאָן מיט „אַנטשוילעבקייט", מיט באַווייזן. אַלץ וואָס איז גלויבן, נויטיקט זיך ניט אין קיין שום אַנטשוילעבקייט און באַווייזן. גאָט דאַרף מען ניט באַווייזן, מען דאַרף ניט וויסן, מען דאַרף ניט באַווייזן, ווייל עס איז ניטאָ וואָס צו באַווייזן און קיינער קען ניט באַווייזן.

אין גאָט דאַרף מען גלויבן. גאָט דאַרף מען פילן. מען דאַרף גלויבן און פילן, אַז עס איז אמת, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט.

אַזוי אַרום מוז אויף די געביטן פון וויסן און גלויבן קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג, אויב מען וויל, אַז עס זאָל הערשן אַ רעלאַטיווע אייניקייט צווישן מענטשן.

נו, און די פראַגע וועגן נס, „מ י ר אַ ק ל", וו אַ ו נ ד ע ר.

אַלע רעליגיעס האַלטן פון נסים און וואונדער. די וויסנשאַפטן לייקענען דאָס. אָבער אַז מען טראַכט זיך אַריין אין דער זאַך, איז אויך אין דער פראַגע זייער גרינג צו קומען צו אַ קאָמפּראָמיס. די וויסנשאַפט אַליין שאַפט דאָך נסים און וואונדער. אייניקע האַלטן, אַז קיין נסים זיינען ניטאָ. עס זיינען נאָר פאַראַן צוזאַמענשטויסן, אָדער באַהעפטיקונגען פון צוויי אָדער מערער סובסטאַנצן. צ. ב. פון נויטווענדיקייט און פון צופעליקייט. ווען עס קומט צו אַ צוזאַמענשטויס, אָדער צו אַ פאַרבינדונג פון די סובסטאַנצן, דאַן ווערט געשאַפן דאָס וואָס מיר באַצייכענען אַלס נס, וואונדער, מיראַקל. אַזוי צו אַנדערש, אויפן שטייגער פון די רעליגיעז־גלויביקע, צו אויפן שטייגער פון די וויסנשאַפטלער, געלערנטע און טעכניקער — עס קומען פאָר וואונדער. צום באַדויערן זיינען די אַלע נייע וואונדער־דערפינדונגען ניט אַלע צום פאַרבעסערן דעם מענטשנס וואוילזיין, נאָר צו פאַרניכטן אַלץ און אַלעס.

עס איז קלאָר, אַז אויך די פראַגע מוז אין פרינציפּ געלייזט ווערן.

ד ע ר מ ע נ ט ש ? ! די פּראָבלעם וואָס איז אַזוינס מענטש, איז אַן אייביקע. אין רעליגיעזע ספרים און אין וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען זיינען פאַראַן אַ סך טעאָריעס, מיינונגען און אַפילו באַווייזן . . . עס איז איצט אין דער מאָדע די פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפטן, וואָס שטרעבן צו דערגיוען זיך צו די טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה. סעקס־פאָרשונגען זיינען אויך געוואָרן אַ צד . . . צום פאַרשטיין דעם מענטשן. איין מענטש וואָס פאַרשטייט זיך אַליין ניט, זוכט אָפט צו פאַרשטיין דעם תוך פון אַנדערע מענטשן. אין אַ געוויסער מאָס זיינען אַלע טעאָריעס, באַגרינדונגען און פאָרשונגען וועגן מענטש — ריכטיקע.

עס מוז אָבער זיין נאָך איין וועג צום פאָרשן, פאַרשטיין און בעסער מאַכן דעם מין מענטש. אין דער נאַטור איז פאַראַן „וואָג" און „מאָס", עס איז אָבער אויך פאַראַן אַזאַ זאַך ווי „ווערט". דער מענטש האָט טאַקע אַ וואָג און מאָס, אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט דער מענטש.

די ווערט פון אַ מענטש, איז זייער וויכטיק, אין דעם זין צו פאַרשטיין דעם מענטש, צו אָפּשאַצן דעם מענטש און צו אָפּגעבן כבוד דעם מענטש.

דער באגריף וו ע ר ט האט אבער זייער פיל באדייטונגען. מיר וועלן אין דעם פאל נעמען נאר דריי. צ. ב. עקאנאמישע ווערט, עמאציאנעלע ווערט און מאראלישע ווערט. לאמיר דא פארגלייכן דעם מענטש צו אנדערע סובסטאנצן.

א שטיינער ווען מיר זען אן אויטאמאביל, צו וואסערע קאטעגאריע פון ווערט קענען מיר צושרייבן דעם אויטאמאביל? פארשטייט זיך צום עקאנאמישן. מען באצאלט די פרייז פון דעם אויטאמאביל, וואס ער האט די ווערט, לויט זיין נייקייט, שיינקייט, גוטע קאנסטרוקציע און שנעל פארן, דאס איז די עקאנאמישע ווערט.

נו, און ווען מיר זען א גרויס הערלעך שיין בילד געמאלט פון א גרויסן טאלאנטירטן קינסטלער, און דאס בילד איז אזוי רייצנד און פראכטפול, אז עס פארכאפט דאס אויג און די באגייסטערונג איז זייער גרויס. איז צו וואס פאר א ווערט וועלן מיר צושרייבן די בילד? עס איז קלאר, אז דא קען זיין די רייד פון עמאציאנעלער ווערט. עמאציאנעל-גייסטיקע ווערט, איז די ווערט וואס קיין באשטימטע פרייז איז דא ניט פאראן, וויפיל מען זאל פאר אזא בילד ניט באצאלן, וועט עס אלץ זיין א גרויסער בארגען און עס וועלן שטענדיק זיין בעלנים צו באצאלן נאך מער פאר דעם בילד.

אבער דער מענטש? וואס פאר א ווערט האט דער מענטש? צי וואס פאר א קאטעגאריע ווערטן זאל מען אים צושרייבן? איך מיין צו דער קאטעגאריע פון די מאראלישע ווערטן. מאראל איז די ווערט וואס מען קען ניט שאצן מיט קיין געלט און מען קען ניט קויפן פאר קיין געלט.

אין וואס באשטייט די מאראל פון מענטשן? אין זיין גוטסקייט. גוטסקייט פון מענטש צו מענטש און פון מענטש צו דער געזעלשאפט אין וועלכער ער לעבט. פראסט גערעדט, מען דארף זיין א גוטער מענטש, דאן איז מען שוין אויך א מאראלישער מענטש.

אבער ניט יעדער מענטש קען טאן גוטס, זאגן אייניקע. ניט יעדער מענטש האט די מעגלעכקייט און די באדינגונגען צו טאן גוטס. דאס איז אין א געוויסער מאס אמת.

מיין מיינונג איז אבער, אז עס איז ניט קיין מוז, אז איין מענטש זאל טאן גוטס צו א צווייטן מענטש, עס איז אבער א מוז, אז איין מענטש זאל ניט טאן קיין שלעכטס קיין צווייטן מענטש. ווען איין מענטש טוט ניט קיין שלעכטס קיין צווייטן מענטש, מיט דעם אליין טוט ער שוין גוטס.

אלזא, אויך אין דער פראגע וועגן גוטס און שלעכטס, איז פאראן א פונקט אויף דורכצוקומען.

פ ר י י ה י י ט ? !

דאָס וואָרט און באַגריף פרייהייט באַגלייט דאָס גאַנצע לעבן פון מענטשן. פאַרניכטונג פון שקלאַפעריי, איז פרייהייט, אָפּהענגיק פון טיראַניע, איז פרייהייט און יעדער רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז אין נאָמען פון פרייהייט. זער אָפט ווערט אָבער דיווירקלעכע פרייהייט דערשטיקט דווקא דורך לאָזונגען פון פרייהייט און דווקא דורך מענטשן, וואָס קעמפן פאַר פרייהייט.

דארום כדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן אמתע פרייהייט, מוז מען קומען צו אַזאַ קאָמפּראָמיס : פרייהייט איז נאָר דאָ דאָן, אין דעם לאַנד, און אין דער געזעלשאַפט, אין דער רעגירונגס־אָרדענונג און ביי אַזאַ רעזשים וואו יעדער מענטש, אַבסאָלוט יעדער מענטש האָט די מעגלעכקייט פון „טשוז" און „טשענז", פון אויסקלייבן, איבערקלייבן, צוקלייבן, ווילן, אויסווילן, און בייטן, ענדערן, איבערקלערן און זיך איבערלייגן.

די אמתע פרייהייט איז נאָר דאַן, ווען מען האָט די ר ע כ ט אויסצוקלייבן וואָס מען וויל און וועמען מען וויל, און אויך די רעכט בייטן די מיינונג וועגן „וואָס" און וועגן „וועמען".

אויך דער באַגריף ס ו ק ס ע ס, ד ע ר פ אָ ל ג, מוז באַקומען אַן אַנדער אויס־טייטשונג און אַן אַנדער באַדייט אין דער געזעלשאַפט, אויב דער מענטש וויל לעבן גליקלעך. אין אַ געזעלשאַפט וואו עס וועט זיין אייניקייט צווישן מענטשן וועט דער געיעג נאָך סוקסעס כמעט אינגאַנצן אָפּשטאַרבן. מען דאַרף ניט פאַרדינען קיין סך געלט כדי מען זאָל זיין אַ סוקסעס.

„עס זיינען פאַראַן זייער פיל סאָרטן דערפאָלגן, פאַקטיש אָן אַ צאָל. ווען אַ מענטש איז געזונט, ווען אַ מענטש לערנט, לייענט, פירט אַ גוט פאַמיליען־לעבן, געפינט די ריכטיקע געזעלשאַפט, איז ער אַן ערפאָלג אפילו ווען זיין קאַסע איז אַן אָרימע. עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי מאָראַלישער דערפאָלג. עס איז ניט עפּעס קיין פראַזע, דער איינער, וואָס נעמט זיך אונטער קיינמאָל ניט צו ריידן קיין לשון־הרע און וואָס זיין גאַנץ לעבן אַרבעט ער דערויף צו לערנען מענטשן גוטע מידות, דער איז אַ דערפאָלגרייכער מענטש. יעדער מענטש וואָס צייכנט זיך אויס אויף זיין געביט, יעדער מענטש וואָס פירט אַ ריין, אָרענטלעך לעבן, איז אַ ריזיקער דערפאָלג. יעדע מוטער וואָס דערציט גוטע און געזונטע קינדער, קאָן זיך האַלטן פאַר דערפאָלגרייך. אין לעצטן סך־הכל איז אַ דערפאָלג יענער, וואָס לעבט אָנטשענדיק, ריין, ערלעך. דאָס איז אונזער קוק אויף דערפאָלג".

אַ ר ב ע ט: זער אָפט איז אַרבעט אַ קללה פאַרן מענטשן, ער אַרבעט מיט זיין שווייס אין פּנים און בלוט גיסט זיך פון זיין לייב. דער רייכער טראַכט וועגן פראָ־פיטן און קוקט אָפט אויף דעם אַרבעטנדיקן, ווי אויף אַ נידעריקער בריה. טיף אָבער אין יעדן שטיקל אָפּגעטאָענער אַרבעט, איז באַהאַלטן אַ גרויסע פרייד, אַ גרויסע באַפרידיקונג, יעדער מענטש וואָס פאַרענדיקט וועלכע עס איז ניט איז אַרבעט, פילט אין זיך אַ געהיימע און דערהויבענע צופרידנשטעלונג פון דער אָפּגע־טאָענער אַרבעט. זאָלן די רייכע וואָס טאָן אַליין ניט קיין אַרבעט, וואָס שאַפן גאָר־ניט, אַמאָל פּרואוון אַן אַרבעט טאָן מיט זייערע הענט און דאַן וועלן זיי דערפילן דעם טעם פון שאַפן און פאַרשטיין, אַז אַרבעט מוז פאַרוואַנדלט ווערן פון אַ קללה צו אַ ברכה . . .

אין פרידלעכער פאַרשטענדעניש פון אַרבעטס־געבער און אַרבעטס־נעמער, אין מענטשלעכן קאָמפּראָמיס און אין אַ גוטן ווילן פון גוטע מענטשן, ליגט דאָס גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט.

מ ד ב ר, ד ע ז ע ר ד, פּ ו ס ט י נ י ע.

איי‌ניקע וויסנשאַפטלער האָבן אָנגעהויבן צו ציילן די באַפעלקערונג פון דער וועלט, צו ציילן און צו רעכענען און צו קומען צו אויספירן, אַז אַזויפיל און אַזויפיל מענטשן לעבן איצט, אין אַ הונדערט יאָר אַרום וועלן צוקומען נאָך אַזוי־פיל און אַזויפיל מענטשן און אַז די ערד וועט ניט קענען אויסהאַלטן אַזאַ און אַזאַ צאָל מענטשן, ווייל עס וועט ניט זיין קיין שפּייז פאַר זיי.

לעכערלעך.

מען פאַרגעסט בלויז, אַז איטלעכער מענטש פאַר זיך איז אַ גאַנצע וועלט. און אויב די וועלט דאַרף ניט דעם מענטשן, ווער דאַרף דאַן אַזאַ וועלט? אַז אָך און ווי איז צו דער וועלט, וואָס דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז עס זיינען פאַראַן איבעריקע מענטשן.

אין דער וועלט איז פאַראַן אַזאַ זאַך, וואָס טראָגט דעם נאָמען מדבר, מען רופט עס אין ענגליש, דעזערד און אין רוסיש, פּוסטיניע.

אין די אַראַבישע לענדער, אין די אַפריקעס, אין דעם מיטעלן און דעם וויי‌טן מזרח פון רוסלאַנד, אין די אַמעריקעס און אין טעקסעס, ניו־מעקסיקע און אַריזאָנע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, שטייען ביז היינטיקן טאָג, מיליאָנען און מיליאָנען פּוסטע, ווילדע, ליידיקע ערד־שטחים.

מיליאָנען און מיליאָנען, פיליכט מיליאַרדן, אַקער־לאַנד, וואָס קענען פאַר־וואַנדלט ווערן אין פּרוכטבאַרן באָדן, שטייט ליידיק, פּוסט, קיין אַקער האָט

די ערד נאָך קיינמאָל ניט באַרירט און קיין מענטשנס פיס האָט דאָרט נאָך קיינמאָל ניט באַטראָטן. די וויסנשאַפט און טעכניק אויף די געביטן פון אַגרי־קולטור, איראָגאַציע און באַפעלקערונג, איז דאָך איצט אַזוי פאָרגעשריטן, אַז מען קען שאַפן אויף די פּוסטיניעס אמתע גן־עדנס פאַר מיליאָנען מענטשן. אָבער אַנ־שטאָט דעם, שלאָגט מען זיך פאַר אַ שטיקל ערד, מען לעבט אין דערשטיקעניש, מען פירט מלחמות פאַר נייע טעריטאָריעס, מען איז זיך דם־שונים און מען שטאַרבט, ווען מען קען גאָר לעבן, מען פאַלט, ווען מען קען גאָר דערהויבן ווערן, מען זינקט, ווען מען קען גאָר בליען.

אויף דעם געביט, אויפן געביט פון אויסנוצן אַלע פּוסטע ערדן פון דער גאַנצער וועלט, פון יעדער לאַנד, צום וואוילזיין פון אַלע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט, אויף דעם געביט מוז קומען צו אַ פאַרשטענדעניש, צו אַ קאָמפּראָמיס, צווישן מענטש און מענטש, צווישן פאָלק און פאָלק און צווישן רעגירונג און רעגירונג.

* * *

„מיר אַלע ווייסן און זיינען איינגעגלויבט, אַז אַ הונט מיט אַ קאַץ צי אַ קאַץ מיט אַ מויז קענען ניט לעבן בשלום. האָט אַ פּראָפעסאָר צונויפגעפירט הינט, קעץ און מייז. צוערשט האָט ער זיי גענומען גאַנץ יונגינקע און זיי ערצויגן צוזאַמען. שפּעטער האָט ער אויסגעשפּרייט די עקספּערימענטן אויך אויף דערוואַקסענע חיות. ער האָט, צום ביישפּיל, גענומען אַ הפקר־קאַץ, אַ ווילדע בלאָנדזשענדע חיה, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פאַרביסענעם האַס צו מייז. איינמאָל האָט זי פאַרצוקט פינף גרויסע ראַצן אין איין שטונדע. אָט־די קאַץ האָט דער פּראָפעסאָר צוגעוואוינט צו זיין אין איין שטייג מיט אַ ראַץ. די שטייג איז געווען פאַרטיילט אין צווייען מיט אַ גלעזערנער וואַנט. די אויפגאַבע איז געווען צו לערנען די קאַץ און דעם ראַץ, אַז ווען ביידע דריקען אָן גלייכצייטיק צוויי ברעטלעך — וועט זיך די וואַנט עפענען און זיי וועלן צוקומען צו אַ שיסל מיט עסנוואַרג.

עס האָט געדויערט 28 טעג און העכער 700 פאַרזוכן ביז די קאַץ און די מויז האָבן זיך אויסגעלערנט צו קאָאָפּערירן כדי צו קענען עסן. איצט לעבן זיי צוזאַמען אין פרידן. מיט זיי לעבט אויך אַ הונט. אַלע דריי עסן פון דער זעלבער שיסל און מען קריגט זיך ניט, מען פירט ניט קיין מלחמות. עס איז שאַ־שטיל, פרידלעך, אָן דעבאַטעס און אָן וועטאָס. מען קומט דורך בשלום.

און דער פּראָפעסאָר זאָגט, אַז אויב חיות קענען עס באַווייזן, קענען אויך מענטשן לעבן אין פרידן און אין קאָאָפּעראַציע".

עס קען קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג, צו אַן אייניקייט צווישן מענטשן, נאָר

דאָן, ווען אַלע שטרייט־פּראָבלעמען און די פילאָזאָפיעס, אידעאָלאָגיעס, פּאָליטיקס און רעליגיעס וועלן דערפירט ווערן רעלאַטיוו, צו איין מיטל־פּונקט, צו אַ קאָמפּראָמיס. און איך בין זיכער, אַז סוף־כל־סוף וועט מען צו דעם מיטל־פּונקט קומען און דערפאַר זע איך פאָראויס דאָס אמתע גליק, וואָס דערוואַרט דער מענטשהייט אין דער צוקונפט.

מען טאָר ניט שפּאָרן קיין מי צוזאַמענצוברענגען אַלע פעלקער — קליינע און גרויסע, הויך־אַנטוויקלטע און די וואָס האַלטן זיך אין אַנטוויקלען — פאַר געמיינזאַמער באַראַטונג און אַקציע כדי צו פאַרזיכערן די אייניקייט פון מענטשן און די ווירדע פון מענטשן.

19.

היינט און מאָרגן

נאָך דעם, וואָס די דייטשן מיט זייערע גרויסע דערגרייכונגען אויף די געביטן פון קולטור, טעכניק, וויסנשאַפט און קונסט, האָבן אונטער היטלערס אָנפירונג אָפּגעטאָן דער וועלט און דער מענטשהייט, איז שוין גאָר פריקרע צו זאָגן, אַז ציוויליזאַציע, קולטור און טעכניק איז אַזאַ גוטע זאַך . . . איך ווייס ניט ווער עס איז דער קולטור־טרעגער, דער געבילדעטער דייטש, וואָס האָט געשאָכטן און פאַרגאַזט מענטשן, צי דער ניט־געבילדעטער נעגער, וואָס האָט געראַטעוועט מענטשן פון טויט, האָט אונטערגעטראָגן דעם דורשטיקן וואַסער און האָט געגעבן אַ הונגעריקן ברויט ? ! אין דעם הינזיכט שטייט דער נעגער העכער פון דעם דייטש, כאָטש קיין „העכערס" און קיין „נידעריקערס" דאַרף צווישן מענטש און מענטש ניט עקזיסטירן, ווייל אַלע מענטשן זיינען גלייך.

דאָס 20טע י. ה. איז דאָס פולקאָמסטע מיט אירע וויסנשאַפטלעכע, קולטורעלע און טעכנישע דערגרייכונגען. מיט איין וואָרט: צ י ו י ל י ז אַ צ י ע !

פאַר וואָס־זשע איז דער מענטש פאַרדאָרבן ? פאַר וואָס איז דער מענטש ניט פאַרפולקאָמט אַלס מענטש ? שרייבן וויסנשאַפטלעכע ביכער, שאַפן קונסט־ווערק, דערפינדן ראַדיאָ און טעלעוויזיע, איז נאָך אַלץ ניט דער סימבאָל פון מענטשלעכער דערהויבנקייט . . .

וואָס טוט די וויסנשאַפט, די ליטעראַטור, די טעכניק פאַרן מענטש, אַז ער זאָל זיין גליקלעך, פריילעך. זאַט, געזונט און גוט ? . . .

די מענטשן האָבן אויפגעבויט אַ וועלט. געדוכט האָט זיך, אַז מען האָט אויפגעטאָן פיל־פיל גוטס, אָבער אין אמתן איז מער שלעכטס געטאָן געוואָרן. מען האָט

געבויט טורעמס צום הימל, פּיראמידעס אין דער וויסטע און שיפן אונטער די וואסערן. מען האָט צעמישט די שפּראכן, צעטיילט די מענטשן און אָפּגעזונדערט די לענדער. דאָס לעבן איז געוואָרן א מיראזש, אַן עולם התוי . . .

סם, גאז, אטאָם־באָמבע, הריגה און פארניכטונג — איז „פּ ר אָ ג ר ע ס".

שקלאַפן־ארבעט, פּיין, בלוט און שוויים און הונגער—איז „צ ו י ל י ז א צ י ע".

און די גאנצע טעכניש־פּארפולקאָמטע וועלט מיט דער קולטור פון די שטעט און דערפער, איז גאָר א „ח ו ר ב ה" . . .

נאָר אָט קומט די צייט. איך זע: עס גייען מענטשן. עס גייען מענער, פרויען, קינדער. קיינער טרייבט זיי ניט, זיי גייען אליין. זיי זיינען פריילעכע, געזונטע און גליקלעכע. עס איז פרילינג. מען בויט עפּעס, מען טראָגט שטיינער. יאָ דאָס זיינען פּאַלאַצן, ליכטיקע פּאַלאַצן מיט געפלאַנצטע גערטנער ארום זיי, פּאַלאַצן פאַר פּראָסטע מענטשן, פאַר מיר, פאַר דיר און פאַר אַלעמען . . .

און איך זע בוימער און גראָזן אויף פעלדער און אין וועלדער. עס וואקסן אויף די בוימער ברויט און פרוכט, און צווישן די בוימער פליסן טייכן, גאָלדענע, זילבערנע, קרישטאָלענע . . . עס פליסט האָניק, וויין און מילך ! . . .

עס איז א פאַנטאַזיע, יאָ ?

און דאָך, פיליכט וועט אַמאָל אַזוי זיין !

פיל קאָמפּליצירטע פאַנטאַזיעס זיינען דאָך שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן, פאַר וואָס־זשע זאָל מיין פאַנטאַזיע, אַזאַ איינפאַכע, א פאַנטאַזיע וועגן א זאט און פרידלעך לעבן ניט קענען פרווירקלעכט ווערן ?

— פאַר וואָס ? !

20.

די פילאָזאָפיע פון דעם אדאמיזם

(ר ע ז י ו מ ע)

עס איז פאַראַן א לעגענדע : צו איינעם א גרויסן געלערנטן ייד, א תלמוד־חכם, איז געקומען א קריסט און האָט צו אים אַזוי געזאָגט : „רבי, איך בין פאַר־אינטערעסירט אין דיין גלויבן, איך האָב אָבער ניט קיין געדולד זיך אוועקצוזעצן און שטודירן דיין גאנצע תורה, וועלכע איז דער יסוד פון דיין גלויבן, דערפאַר בעט איך דיר, אפשר איז מעגלעך מיר צו דערקלערן די פילאָזאָפיע פון דיין גלויבן אין א פּאָר געציילטע ווערטער ?" האָט אים דער גרויסער געלערנטער אָפּגעענטפערט : „גוט, מיין פריינט, איך וועל דיר דערקלערן די תורה אין א פּאָר געציילטע ווערטער :

„האָב ליב דיין שכן (נייבאר) ווי זיך אַליין!".

איבערפּראָזירנדיק די אַ ערשט דערמאָנטע לעגענדע, קען מען דאָך פרעגן: אין וואָס־זשע באַשטייט די פילאָזאָפיע פון דעם אדאמיזם?

און איך ענטפער:

די פילאָזאָפיע פון דעם אדאמיזם, באַשטייט אין דעם קאָלאָסאַלן, טיף־מענטש־לעכן קאָמפּראָמיס, אין באַצוג פון מענטש צו מענטש, און אין באַצוג פון מענטש צו פילאָזאָפישע, רעליגיעזע, פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע פּרינציפּן און וועלט־אנשוואונגען.

דאָס מיינט, אַז יעדער מענטש וואָס גלויבט אין אַ געוויסן אידעאַל, אָדער יעדער מענטש וואָס רעפּרעזענטירט אַ געוויסן אידעאַל, קען באַרעכטיקן זיין אידעאַל נאָר דאַן, ווען ער אַליין מיט זיין פּערזענלעכקייט גיט אַ ביישפּיל, וואָס זאָל סימבאָ־ליזירן זיין אידעאַל.

מען קען זיין אַ קריסט, אַ ייד, אַ מוסולמענער אָדער אַן אָנהענגער פון אַ וועל־כער עס איז ניט איז אַנדער רעליגיעזער באַוועגונג. מען קען זיין אַ דעמאָקראַט, אַ רעפּובליקאַנער, אַ ליבעראַל, סאָציאַליסט אָדער אַן אָנהענגער פון אַ וועלכער עס איז ניט איז אַנדערער פּאָליטישער באַוועגונג. נאָר אויב מען איז טאָלעראַנט, איינער צום אַנדערן, מען רעספּעקטירט זיך, און מען פירט זיך אויף אין דעם פּער־זענלעכן לעבן־שטייגער, מיט אַ ביישפּיל אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַן אָנהענגער פון דער אָדער יענער רעליגיעזער אָדער פּאָליטישער אידעאָלאָגיע, דאַן קען מען זיך שוין אויך רעכענען אָדער אָנרופן, אַז מען איז אַן אדאמיזם, ניט געקוקט אויף דעם צו מען איז אָפיציעל אריינגעטראָטן אין די רייען פון די אדאמיסטן, צו מען איז ניט קיין אָפיציעלער אדאמיסט.

קען מען דאָך פרעגן: „אַ פאַשיסט, אַ קאָמוניסט, אָדער אַן אָנהענגער פון אַן אַנדער מין דיקטאַטאָרישע באַוועגונג, קען אויך זיך דערהויבן צו דער הויכער מדרגה פון אדאַמיזם? אויף דעם ענטפער איך קאַטעגאָריש: בשום אופן ניין!

פאַר וואָס?

ווייל די אידיי פון אדאמיזם באַשטייט אין דעם, אַז דער מענטש זאָל מיט זיין פּערזענלעכער אויפירונג געבן אַ ביישפּיל, וואָס זאָל סימבאָליזירן זיין גלויבן, אָדער ניט גלויבן, זיין רעליגיע, אָדער זיין אַנטי־רעליגיע, זיין פּאָליטישע, וועלט־לעכע און גייסטיקע אנשויאונג. און דאָס אַלץ דאַרף זיין באַזירט אויף אַ קאָלאָסאַלן און טיף־מענטשלעכן קאָמפּראָמיס, וואָס באַשטייט אין טאָלעראַנטקייט און אין ליבע פון מענטש צו מענטש.

פאַשיסטן, קאָמוניסטן און אַנהענגער פון אַנדערע דיקטאַטאָרישע באַוועגונגען, אויב זיי וועלן, לויטן פּרינציפּ פון אַדאַמיזם, דאַרפן מיט זיך געבן אַ ביישפּיל פון זייער „אידעאַל", וועט דאָך דאָס מיינען, אַז אַזוי ווי זייער אידעאַל איז דיקטאַטור, באַצווינגונג און געוואַלד־טאַט, וועלן זיי מיט זיך אַליין דאַרפן פאַרשטעלן די פאַר־קערפּערונג פון אַלדאָס שלעכטס און זיי וועלן מיט געוואַלד וועלן צווינגען מענטשן צו ווערן אַנהענגער פון זייערע גענגסטערישע אידעאַלן, אָבער אַדאַמיזם איז דאָך קעגן דיקטאַטור, קעגן באַצווינגונג און קעגן געוואַלד־טאַט. אַדאַמיזם איז אַ פרייע באַוועגונג, אַ פּעדאַגאָגיש־דערציערישע באַוועגונג, אַן אידעאָלאָגיע, וואָס פּריידיקט גוטס, און אַז דאָס גוטע וועט סיי־ווי־סיי קומען צום מענטשן, מעג דאָס אַפילו גע־דויערן טויזנט יאָר, צו גוטס דאַרף מען ניט האָבן קיין געוואַלד־מיטלען, פון גוטס אַנטלויפט קיינער ניט, צו גוטס, גייט מען אַליין, כאָטש דער וועג איז אַ לאַנגער און מיר קענען נאָך ניט פאָראויסזאָגן ווען מיר וועלן צו דעם גוטס קומען. אָבער איינס ווייסן מיר גענוי, אַז ניט דורך געוואַלד־טאַט, וועלן מיר צום גוטס צוקומען.

אַרויסגייענדיק פון דער הנחה ווערט קלאָר, אַז ניט קיין פאַשיסטן, ניט קיין קאָמוניסטן און ניט קיין אַנדערע פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע גענגסטערס וועלן מיט זייער געוואַלד־טאַט אידעאָלאָגיע, קיינמאָל ניט באַרעכטיקט זיין צו דעם הויכן אידעאַל פון אַדאַמיזם.

אַלזאָ, ווען מען פרעגט מיך, דעם פּשוטן מענטשן, דעם אדם־בן־אדם, אַזוי:

„פריינט, איך בין פאַראינטערעסירט אין דיין גלויבן, איך האָב אָבער ניט קיין געדולד זיך אַוועקצוזעצן און שטודירן דיין גאַנצע תורה, וועלכע איז דער יסוד פון דיין גלויבן, דערפאַר בעט איך דיך, אפשר איז מעגלעך מיר צו דערקלערן די פילאָזאָפיע פון דיין אַדאַמיזם אין אַ פּאָר געציילטע ווערטער?", וואָלט איך דאַן אָפּגעענטפערט: גוט, מיין פריינט, איך וועל דיר דערקלערן דעם אַדאַמיזם אין עטלעכע געציילטע ווערטער:"

„ערשטנס, דער אידעאַל פון אַלע אידעאַלן, איז דער מענטש".

„צווייטנס, דער בעסטער אידעאַל, איז דער גוטער ביישפּיל".

„און דריטנס, דער אַדאַמיזם איז אַ קאָלאָסאַלער טיף־מענטשלעכער קאָמ־פּראָמיס, וואָס דאַרף דינען פאַרן ווינקלשטיין פון טאָלעראַנטקייט און ליבע פון מענטש צו מענטש און פון מענטש צו אַנדערע מענטשנס גייסטיקע ווערטן, און דאָס וועט שוין במילא סוף־כל־סוף פירן צו אַן איבערבעטונג און צו אַ פאַראייניקונג פון אַלע פילאָזאָפישע, רעליגיעזע און פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס.

נאָכוואָרט

נאָך צוריק מיט יאָרן, אין דעם פייער פון דער צווייטער וועלט־קריג, אויף די רוסיש־דייטשישע פראָנטן, האָט אַ מענטש מיט אַ ביקס אין דער האַנט זיך פאַר־טראַכט אויף דעם ביטערן און פינצטערן גורל פון דעם מענטשן און פון דער וועלט, ער האָט געטראַכט, אַז עס איז נוצלאָז, זינלאָז און פאַרברעכעריש צו פירן מלחמות, אויסהרגענען מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן און פאַרכאַפּן און פאַרשקלאַפן פרעמ־דע לענדער און אַרויפצווינגען אויף די מענטשן מיט געוואַלד „אידייעס”, זיטן און רעזשימען, וואָס זיינען גאָר קעגן זייער ווילן. און ער האָט געטראַכט, דער מענטש מיט דער ביקס, אַז גלייכער וואָלט געווען, ווען עס זאָלן ניט זיין קיין באַזונדערע רעגירונגען און קיין באַזונדערע לענדער, זאָל בעסער זיין איין וועלט, איין רעגירונג פאַר אַלע מענטשן און דאַן וועט מען ניט דאַרפן קיין ביקסן, קיין האַרמאַטן, דאַן וועט זיין שלום אויף דער גאַנצער וועלט.

דער אַ מענטש מיט דער ביקס, מיט זיינע נאַאיווע געדאַנקען וועגן אַ וועלט־שטאַט, דאָס איז געווען טאַקע איך אַליין, דער שרייבער, דער אויטאָר, דערפינדער און אַנטדעקער פון דעם אַדאַמיזם.

ניט אַלץ, וואָס איך שרייב און פריידיק אין מיין אַדאַמיזם, איז אָננעמבאַר פאַר יעדער מענטשן. דער מענטש איז אַן אינדיווידום מיט באַזונדערע כאַראַקטערישע פאַר אים זעלבסט־שטריכן, גענג, אויפפאַסונגען און זיטן. דעריין איז נאַטירלעך, אַז פיל פון די באַהויפּטונגען מיינע, זאָלן געענדערט ווערן. פאַר יעדער צוגאָב, אָנווייזונג, אויסבעסערונג און פריינטלעכער קריטיק וועל איך זיין דאַנקבאַר.

דער גרונט פון אַדאַמיזם איז: קעמפן פאַר דער אָפּהיטונג פון ריינקייט, שיינקייט, גוטסקייט און עקזיסטענץ פון מענטשן.

דער דעוויז פון אַדאַמיזם איז: „דער אידעאַל פון אַלע אידעאַלן איז דער מענטש.” ! און אַז „דער בעסטער אידעאַל, איז דער גוטער ביישפיל”.

פאַרטראַכט דעם אַדאַמיזם: אין מאָסקווע, אין 1944.

אָנגעהויבן שרייבן: אין תל־אביב, ישראל, אין 1947.

פאַרענדיקט שרייבן: אין ניו יאָרק, 1954.

* * *

דער אַדאַמיזם איז נאָך ניט קיין אַנטגילטיק פאַרענדיקט ווערק. עס דאַרפן נאָך אַריינגעטראָגן ווערן פיל ענדערונגען און פאַרבעסערונגען. איך האָף, אַז דאָס וועט מיט דער צייט געטאָן ווערן דורך דערפאַרענע, קלוגע און גוטע מענטשן, וועלכע וועלן צום אַדאַמיזם צושטיין און די אַדאַמיסטישע פאָן אויפהויבן.

דער מחבר